STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01541

FUN DER UN YENER VELT

Yehezkel Kornhendler

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יחזקאל קארנהענדלער

פון דער און יענער וועלט

Ch. Korenchandler

"De ce monde
et de l'autre"

פון דער און יענער וועלט

פון יחזקאל קאָרנהענדלער

אַרויסגעגעבן מיט דער הילף פון
„פאַראייניקטן סאָציאַלן פאָנד" — פראַנקרייך.

הילע און צייכענונגען פון בען

ouvrage publié avec l'aide de
la Commission du Livre. F.S.J.U.

Ch. Korenchandler : אַדרעס פון מחבר
36, avenue du Général-Michel-Bizot, 75012 PARIS

Copyright by Ch. Korenchandler - Paris 1974

יחזקאל קארנהענדלער

פון דער און יענער וועלט

דערציילונגען

פּאַריז
תשל"ה — 1974

אַ האַרציקן דאַנק דעם חשובן פריינד

ד״ר נח גריס

פאַר דער הילף וואָס כ׳האָב פון אים

באַקומען ביים גרייטן די אויסגאַבע.

דער טויט פון ישו אין... פוילן

(אין שייכות מיט די אָפיציעלע פּוילישע יובל־פייערונגען לכבוד פיר הונדערט יאָר פון קינסטלער וויט סטוואָש (1533 — 1933) און זיין באַרימטן קרוציפיקס אין דער מאַריי־קירכע אין קראָקע).

ס׳איז געווען נאַכט.

גערדיכטע שוואַרצע וואָלקנס האָבן באַדעקט דעם הימל און באַהאַלטן די שטערן פאַר די שטאָט־איינוווינער.

די מאַריי־קירכע אין קראָקע איז שוין לאַנג געווען געשלאָסן און געזונקען אין פינצטערניש.

ביי טאָג קומען דאָ גלייביקע אויסגיסן זייערע הערצער פאַר גאָט, צינדן אָן ליכט פאַר דער מוטער מאַרי און בעטן קניענדיק פאַרן קרוציפיקס פון ישו פון סטוואָשן, וואָס קוקט אַראָפּ פון קרייץ מיט זיין מאַרטירער־פּנים. זיי גלייבן אַז דער דערלייזער האָט דערהערט זייער געבעט און גייען אַוועק באַרויִקטע, אַריינוואַרפנדיק עטלעכע גראָשן אין די קעסטלעך וואָס זענען צעהאָנגען איבער דער קירכע.

טייל מאָל קומען דאָ פּאָר חופּות, שפּילט דער אָרגל נשמה־

דיק זיס, טייל מאָל לוויות, קלינגט דער גלאָק אין טורעם און דערמאָנט די מענטשן אין „אדם יסודו מעפר וסופו לעפר״. דערנאָך ענדיקט זיך דער טאָג.

רוימט מען אויף גאָטס הויז. מען רייניקט עס אָפּ פון שטויב, וואָס מענטשן פאַרטראָגן אַהער. עס צלמען זיך די וועכטער פאַר דער מוטער מאַרי, פאַר דער געשטאַלט פון ישו. ס׳ווערן די לעצטע ליכט פאַרלאָשן, די טירן זאָרג־פול פאַרמאַכט און אַלץ פאַרזינקט אין טונקלקייט.

אַזוי אַלע נעכט.

גאָר אַנדערש איז עס געווען אין אַ נאַכט פון יאָר 1919.

ווי נאָר ס׳האָבן זיך געשלאָסן די טירן פון דער קירכע און אַלץ איז פאַרזונקען אין אַ טויטלעכער שטילקייט, האָט זיך דערהערט אַ שטימע וויינען ביי די פיס פון דערלייזער. פון אָנפאַנג שטיל, ווי אַ ווייטער פידל, איז דאָס געוויין געוואָרן אַלץ דייטלעכער און העכער און צו ביסלעך אָנגע־הויבן אָנצופילן אַלע ווינקעלעך פון גאָטס הויז. אָפּגע־קלונגען ביי אַלע צדיקים און הייליקע, וואָס האָבן אַראָפּ־געשיינט פון די מויערן און וויטראַזשן, האָבן די קלאַנגען זיך געצויגן צו ישו און זיך פאַרוואַנדלט אין אַ זילבערנעם נעפּל, וואָס האָט זיך אויסגעשפּרייט אַרום קרוציפיקס.

— ישו — האָט די שטימע געוויינט — גאָטס זון, הערסטו מיין קול? דערקענסטו די שטימע מיינע? ציטערסטו נישט אויף ביי מיין רוף? ביסט דער זון פון גאָט, ביסט אָבער אויך מיינס אַ קינד. דאָס שענסטע קינד מיינס. האָב איך מיך דען נישט אָפּגעזאָגט פון אַלע ערדישע פריידן, ווייד־מענדיק זיך דיין באַשאַף? מיין לייב האָט איינגעדאַרט, מיין בלוט האָט איינגעטרוקנט פון אָנשטרענג, ביז דו ביסט אַרויסגעקומען אַזוי ווונדערלעך. ס׳איז דאָך געגוג אויף דיר אַ קוק צו טאָן, כדי צו דערפילן די ליידן וואָס דו האָסט איבערגעטראָגן, זוכנדיק צו ראַטעווען די מענטשהייט פון

אירע זינד. ישו גערעכטער, דאָס בין איך, וויט סטוואָש, דיין שקלאַף, דיין דינער, דיין באַשאַפער!

אַ ווײַלע איז שטיל געוואָרן. אונטן ערגעץ, ביי די פיס פון געקרייציקטן ישו האָט די שטימע שטיל געוויינט.

— שווייגסט ישו? קאָן עס מעגלעך זיין אַז דו דער־קענסט מיך נישט? — האָט די שטימע ווידער אַ מאָל אָנ־געהויבן — קאָן עס מעגלעך זיין, זאָלסט מיך האָבן פאַר־געסן פאַר די אייניקע הונדערט יאָר וואָס זענען פאַרביי. זינט מיר האָבן צוזאַמען זיך אויפגעהויבן און צוזאַמען זיך געלייגט, בעת יענע ערדישע טעג מיינע, וואָס זענען פול געווען מיט דיר, מיט דיין תחית המתים־אויפשטיין אונטער מיינע הענט, קאָן דאָס מעגלעך זיין?

די שטימע האָט זיך ווידער אַ מאָל איבערגעריסן, ווי גע־וואַרט אויף אַן ענטפער.

— דאָס ביסט דו וויט, מיין קינסטלער? — האָט זיך פונאַנדערגעטראָגן איבער דער שטילקייט אַ שוואַכע, ליידנ־דיקע שטימע פון קרוציפיקס אַראָפּ.

— איך, איך וויט, — האָט די שטימע פון אונטן אַ צאַפּל געטאָן — דאָס בין איך, דיין קינסטלער, הייליקער זון!

אַ ווײַלע איז ווידער שטיל געוואָרן.

— וויט, מיין קינסטלער — האָט זיך ווידער געטראָגן דאָס שוואַכע קול פון קרוציפיקס אַראָפּ. וואָס וויינסטו אַזוי יאָ־מערלעך ביי מיינע פיס? וואָס פעלט דיר דען? זיצסט דו דען נישט אין גן־עדן צווישן אַלע צדיקים און הייליקע, אַלס באַלוינונג פאַרן באַשאַפן מיך? זעסטו דען נישט כסדר די שטראַלנדיקע ליכטיקייט פון אונדזער האַר? ווי קאָן עס זיין, אַז געניסנדיק פון אַזוי פיל גליק, קומסטו וויינען פאַר דער געשטאַלט מיינער?

דער זילבערנער נעפּל, וואָס האָט אַרומגערינגלט דעם קרוציפיקס איז געדיכטער געוואָרן אָנוואַרפנדיק אַ העלע ליכטיקייט אויפן דערלייזער און דייטלעכער געמאַכט די קניטשן אויפן פאַרזאָרגטן שטערן זיינעם.

— אמת, אמת, הייליקער זון — האָט די שטימע פון וויטן זיך ווידער געלאָזט הערן — דאָס גליק וואָס כ׳געניס אין הימל איז גרויס, געוואַלדיק גרויס. כ׳האָב פּרובירט פאַרגעסן אין דער זינדיקער ערד, פון וואַנען ס׳פלעגן זיך צו מיר דערטראָגן מיליאָנען דיך לויבנדיקע שטימען, אָרגל־מוזיק פון דיינע טעמפּלען, אָפּשיין פון וועלדער ליכט אָנגע־צונדענע פאַר דיינעטוועגן. כ׳האָב געוווּסט אַז אויף דער ערד איז נאָך נישט אַלץ ווי דו האָסט געלערנט. אַז די מענטש־הייט זינקט נאָך גענוג אין עבירות. אָבער דאָס וואָס האָט מיך איצט אַהערגעבראַכט צו דיינע פיס, איז אַזוי שרעק־לעך, אַזוי שרעקלעך...

טרערן האָבן געשטיקט די שטימע פון סטוואָשן, אַז ער האָט נישט געקאָנט פאָרזעצן.

— וואָס איז, מיין קינסטלער? — האָט די פאַרזאָרגטע שטימע אויפן קרוציפיקס, געפרעגט.

— ישו, אין די איצטיקע טעג, ווען ס׳פלאַצן די קייטן, וואָס שמידן דאָס פּוילישע פאָלק, ווען ס׳ווערט ענדלעך פריי פון דער הונדערטיאָריקער אונטערדריקונג, אין אַ מאָ־מענט, ווען דאָס פאָלק דאַרף זיין איבערפולט מיט דער העכסטער דאַנקבאַרקייט צו גאָט, אונדזער האַר, פאַר דעם גערעכטן פּסק זיינעם, אין דעם מאָמענט פייניקן מיינע ברי־דער־קריסטן און פאַרגיסן בלוט פון אומשולדיקע יידן. ווי, ווי, — האָט די שטימע יאָמערלעך געצאַפּלט — פּוילנס זעלבשטענדיקייט האָט זיך אָנגעהויבן מיט פאַרגיסן אומ־שולדיק בלוט; צי ווייסטו ישו, אַז נאָענט פון דאַנען, קומט

פאַר אַ פּאָגראָם אויף יידן, אויף די קינדער פון דיין פאָלק, אַז מען צינדט אונטער יידישע הייזער און מען לאָזט קיי־נעם זיך נישט אַרויסראַטעווען פון דאָרט, צי ווייסטו עס, ישו? — האָט די שטים פון אונטן געדונערט, גלייך ווי אונטן וואָלט געווען דער האַר און אויבן דער שקלאַף.

— כ׳ווייס — האָט אַ צעבראָכענע, ווייטיקפולע שטימע אַראָפּגערעדט.

— דו ווייסט, דו ווייסט עס! — האָט די שטימע פון אונטן אויפגעריסן מיט נאָך מער קראַפט — דו ווייסט עס און שווייגסט, בעת דאָרט קומען אום זקנים און קליינע קינדערלעך, וואָס זייער איינציקע שולד איז דאָס געהערן צו אַ פאָלק וואָס האָט געהאַט דעם פאַרדינסט פון אַנט־פלעקן פאַר דער וועלט דעם גרויסן סוד וועגן איין און איינציקן גאָט, אונדזער האַר! ווי, ווי — האָט די שטימע ווי זיך געוואַלגערט אויף דעם שטיינערנעם באָדן — די וועלט גייט אונטער! ישו — האָט די שטימע זיך געטראָגן איבער דער קירכע — האָסטו דען נישט געלערנט „האָב ליב דעם נאָענטן ווי זיך אַליין״? האָסטו דען נישט איינ־געחזרט מיט אַלעמען „נישט הרגע״? איז דען דיין לעבן נישט געווען אַ וווּנדערלעך ליד וועגן יושר און קרבן־גרייט־קייט? ביסטו דען נישט דער סימבאָל פון העכסטער גערעכ־טיקייט און מענטשן־ליבע, ווי איך האָב דיך דערקענט און אַזוי ווידער באַשאַפן? און דו שווייגסט? דו דערלאָזסט, און נאָך אַזוי נאָענט פון דיר, אַ פּאָגראָם אויף יידן? ווי, ווי, — האָט די שטימע יאָמערלעך געוויינט און מיט אַ מאָל זיך איבערגעריסן.

— ווי, ווי, — האָט אָפּגעהילכט אין אַלע ווינקעלעך פון דער קירכע און אַלץ איז פאַרזונקען אין אַ טויטלעכער שטילקייט.

דער גרויער נעפּל אַרום קרוציפיקס איז געדיכטער גע־וואָרן. די שטילקייט נאָך שטאַרקער. מיט שרעק האָבן די אַרומיקע געשטאַלטן פון צדיקים געקוקט אויף די פון נעפּל בלוילעכע געשטאַלט פון דערלייזער אויפן קרייץ און געזען זיינע אויגן זיך שליסן. אַ ציטער איז אַדורך די אברים זיינע און אָפּגעשטאָרבן ביי די ערטער ווו ער איז געווען צוגענאָגלט. פון אונטער די נעגל האָבן זיך באַוויזן טראָפּנס בלוט.

די געשטאַלט פון דערלייזער האָט ווי געוואַרט אויף דעם ווייטערדיקן קול פון אונטן. אָבער אַז ס׳איז אַדורך אַ לענ־גערע צייט פון טויטשטילקייט און די שטימע האָט זיך מער נישט געהערט, האָבן זיך זיינע אויגן לאַנגזאַם געעפנט. זיין קאָפּ באַלאָדן מיט דעם שווערן דערנערקראַנץ, האָט זיך קוים־קוים פאַרריסן אויף אַרויף.

זיין בליק האָט אַדורכגעדרונגען די מויערן פון דער קיר־כע און געזען דעם שווער־פאַרוואָלקנטן הימל. די טונקלקייט איז געווען אַזוי געדיכט, אַז ער האָט גאָרנישט, גאָרנישט נישט געקאָנט דערבליקן הינטער איר...

די קנייטשן אויפן דערלייזערס שטערן האָבן זיך נאָך מער פאַרטיפט. דער ווייטיקדיקער אויסדרוק זיינער איז נאָך שאַרפער געוואָרן.

— האַר — האָט זיך געטראָגן פון קרוציפיקס — אַלמעכ־טיקער פאָטער, האָסט געהערט ?

לענגער האָט ער זיין קאָפּ נישט געקאָנט אַרויפהאַלטן. דער דערנערקראַנץ איז געווען אַזוי שווער און ער אַליין אַזוי מיד, אַזוי מיד...

— כ׳האָב געהערט — האָט זיך פּלוצעם דערטראָגן אַ שטילער שעפּטש פון אויבן — כ׳האָב געהערט, מיין זון.

אַ ציטער איז ווידער אַ מאָל אַדורך איבערן דערלייזערס געזיכט און קוים, קוים אַז ער האָט נאָך אַ מאָל פאַרריסן זיין קאָפּ צו דער הייך.

— האָסט געהערט — האָט ישו אַרויסגעשטאַמלט — און וואָס ענטפערסטו דערויף, האַר אין הימל, האַר איבער אַלע וועלטן? האָסט מיך אַ מאָל געשיקט די וועלט אויסלייזן, האָבן מענטשן מיין שליחות פאַרהייליקט און מיין לערע פאַרקריפּלט. וואָס טראַכסטו, פאָטער מיינער, צו טאָן, כדי אַ סוף צו מאַכן צו דער הערשאַפט פון שלעכטן און אומ־גערעכטן אויף דער ערד?

די שטימע פון דער הייך האָט געפעלט מיט איר ענט־פער. די פאַרוואָלקנטקייט איז געוואָרן געדיכטער...

— פאַרוואָס שווייגסטו, אַלמעכטיקער? פאַרוואָס פאַר־באַהאַלטסטו דיין שטראַלנדיקע ליכט פאַר די מידע אויגן מיינע? — האָט דער דערלייזער זיך געבעטן, — פאַרוואָס בלייבט נישט פאַרענטפערט מיין פראַגע, צוליב וועלכער כ׳האָב געבלוטיקט אויפן קרייץ, פאַרוואָס, אַלמעכטיקער?

ווידער אַ מאָל האָט זיך געטראָגן פון אויבן אַ שעפּטש:

— זון מיינער, געדענק אַז דו ביסט באַשטימט געוואָרן אויסצופירן מיינס אַ שליחות, פאַר וואָס האָסט פאַרדינט אייביקן רום. דיין שליחות איז געענדיקט. מאָן נישט ביי מיר מער. מיינע מעשים קאָנען דורך קיינעם נישט גע־משפט ווערן. זיי געליבט אין דיינע ליידן — האָט דער שעפּטש צוגעטראָגן און זיך מער נישט געהערט.

— פאָטער, פאָטער אין הימל — האָט דעם דערלייזערס געשטאַלט אַ צאַפּל געטאָן — איך קאָן נישט מער מיטמאַכן דעם וועג וואָס דו האָסט פאַר מיר אָנגעצייכנט. כ׳קאָן נישט און כ׳וויל נישט! — האָט די שטימע פון ישו כמעט ווי געשריגן — האָסט מיך געשיקט אויס־

לייזן די וועלט; האָב איך אויסגעפירט דיין שליחות. האָסט מיך ווי יעדן שטערבלעכן באַשאַפן, מיך אונטערגעוואָרפן אַלע ליידן און פּיינען און טויט; כ׳האָב עס איפּגענומען מיט ליבשאַפט. געדענק, מיין האַר, ווי כ׳האָב אין מיין מענטשלעכער געשטאַלט, באַגאָסן מיט אַ בלוטיקן שוויס, זיך ביי דיר געבעטן: „אויב ס׳איז מעגלעך, זאָל מיך אויס־מיידן דער דאָזיקער גורל״! נאָר דיין ווילן איז געשען. כ׳בין אומגעקומען אויפן קרייץ, מיט אַ ברכה פאַר מיינע אומברענגער. מען האָט מיך אַ געקרייציקטן פאַרהייליקט און צעהאָנגען איבער אַלע ווינקעלעך פון דער וועלט. טעמ־פּלען וווּנדערלעכע האָט מען פאַר מיינעטוועגן אויפגעבויט. די גרעסטע קינסטלער האָבן מיינע ליידן מיט אייל־פאַרבן געמאָלט, אין שטיין אויסגעהאַקט, אין שריפט באַשריבן, אין לידער באַזונגען און אַלץ איז ווי פריער... פאַרבליבן! די וועלט איז פול מיט עוולות און דאָס אַלץ געשעט מיט מיין נאָמען אויף די ליפּן. אין מיין נאָמען האָבן די קרייץ־טרעגער טייכן בלוט פאַרגאָסן. אין מיין נאָמען האָבן די פּראָטעסטאַנטן און קאַטוילן זיך אויסגעשאָכטן. אין מיין נאָ־מען האָט מען די אינקוויזיציע געטריבן, מענטשן אויף שייטערהויפנס געברענט. גענוג! מיין שליחות איז געווען אומזיסט. האַר אין הימל, באַפריי מיך פון קרייץ! בינד אויף מיינע הענט. גיב צוריק אַריין לעבנס־כוחות אין מיינע פאַרשטאַרטע גלידער. נישט ווייט פון דאַנען קומט איצט פאַר אַ פּאָגראָם. קריסטן־קינדער פאַרגיסן בלוט, אומשול־דיק יידיש בלוט. כ׳וויל זיי ראַטעווען. פריער בין איך גע־גאַנגען ווייל דו האָסט געוואָלט, איצטער וויל איך! באַפריי מיך פון קרייץ, באַפריי מיך פון קרייץ, באַפריי — האָט ישוס שטימע געבעטן, געוואָרן אַלץ שוואַכער, שוואַכער און לסוף שטיל געבליבן.

אַ בליץ האָט באַלויכטן די שטאָט און אויף אַן אויגנבליק

אויך ליכטיק געמאַכט אין דער קירכע. באַלד דערנאָך האָט עס אַ מוראדיקן דונער געטאָן. פון דער שטאָט האָט זיך דערטראָגן אַ געוויש פון צעבראָכענע שויבן. אויך אין דער מאַרי־קירכע האָט אַ גרויסער וויטראַזש זיך צעשמעטערט און אַראָפּגעשיט מיט אַ טומל. אויפגעוואַכטע איינוווינער האָבן זיך פרום איבערגעצלמט:

— אין נאָמען פון פאָטער, דעם זון און הייליקן גייסט — האָבן זייערע ליפּן דערשראָקן געמורמלט און זיך טיפער איינגעגראָבן אין זייערע געלעגערס.

אַ ווילדער רעגן האָט מיט אַ מאָל זיך אַראָפּגעלאָזט איבער דער שטאָט, געשטראָמט מיט כעס, געקלאַפּט איבער די גאַסן און דעכער, געפּויקט אין די שויבן פון די הייזער. דורך דעם אויסגעהאַקטן וויטראַזש פון דער קירכע האָט דער רעגן שטראָמיק אַריינגעגאָסן און פאַלנדיק אויף דעם שטיינערנעם באָדן, גרוילעך אָפּגעהילכט איבער אירע רוימען.

ס׳איז געשען.

די געשטאַלט פון דערלייזער אויפן קרייץ, דאָס וווּנדערלעכע ווערק פון ווית סטוואָש, האָט מיט אַ מאָל זיך דערפילט פריי פון צלם. פריי פון די נעגל וואָס האָבן אים יאָרהונדערטער־לאַנג געהאַלטן צוגעשמידט. הייסע, בלוטיקע טרערן זענען געפלאָסן איבער זיין געזיכט.

— ענדלעך — האָט ער אַרויסגעשטאַמלט — ענדלעך! וויט, מיין קינסטלער, דו זעסט! כ׳בין פריי. כ׳גיי נאָך אַ מאָל אַראָפּ אויף דער ערד. כ׳גיי אָפּשטעלן דעם פּאָגראָם, כ׳גיי ראַטעווען אומשולדיקע, דו זעסט, וויט, דו זעסט?

ווי אַן ענטפער האָט ער געהערט דעם אימפּעט פון רעגן וואָס האָט אומרחמנותדיק זיך געטראָגן איבער דער שטאָט. דורך דעם אָפענעם פענצטער איז ישו אַרויס פון דער

קירכע און מיט פֿאַרמאַכטע אויגן זיך געטראָגן אונטערן רעגן, געפֿירט דורך אַן אינערלעכן כוח דאָרט אַהין, ווו מענטשן האָבן געליטן, ווו פֿאַרצווייפֿלטע יידן האָבן געבעטן הילף. נאָר וואָס לענגער ער איז געגאַנגען, אַלץ מער האָט ער אָנגעהויבן פֿילן דעם גוף זיינעם, וואָס האָט פֿון מינוט צו מינוט אויף דאָס ניי אָנגעהויבן לעבן ווי אַ שטערבלעכער. ער האָט אָנגעהויבן פֿילן אַן אויסערגעוויינטלעכן ווייטיק פֿון זיינע ווונדן אויף די הענט און פֿיס, אַ חוץ אַלע אברים זיינע וואָס האָבן געבעטן רו. דער רעגן האָט ווילד געשמיסן איבער זיין נאַקעט לייב. פֿון זיינע לאַנגע האָר און שמאַטעס אויף די לענדן האָט דאָס וואַסער געשטראָמט אויף זיינע צעווייטיקטע פֿיס, וואָס האָבן אים איצט קוים, קוים געטראָגן. ער האָט אָנגעהויבן פֿילן קעלט וואָס האָט אים אַלץ מער באַהערשט. ס'האָט אים געשווינדערט. איין צאָן האָט געקלאַפּט אין אַנדערן. ער האָט געפֿילט, אַז אָט, אָט, פֿאַלט ער אום. ער האָט זיך קוים דערשלעפּט צו אַ הייזל, וואָס ער איז עס אין דער פֿינצטער שיער נישט פֿאַרביי און צופֿאַלנדיק צו דער טיר, געבעטן:

— עפֿנט, עפֿנט אויף!

ער איז אָבער געווען אַזוי שוואַך, אַז זיינע ליפּן האָבן זיך קוים באַוויגן אָן צו קאָנען אַרויסברענגען עפּעס אַ קלאַנג. דער גערויש פֿון רעגן האָט לייכט פֿאַרהילכט זיין שעפּטש. ער האָט פּרובירט אָנקלאַפּן אין דער טיר פֿון הייזל, נאָר זיין האַנט האָט שוין נישט געפֿאָלגט. מער האָט ער נישט געקאָנט אויסהאַלטן. אין זיין הייסן קאָפּ האָט זיך אָנגעהויבן מישן און ער האָט געפֿילט אַז ער פֿאַלט אין חלשות אויף אַ שטיגל ביי דער טיר.

איבערגעוועקט האָט ער זיך פֿון אַ שאַרפֿן שטאָך, וואָס ער האָט דערפֿילט אין פּנים. ער האָט לאַנגזאַם געעפֿנט די פֿאַרקלעבטע, צעהיצטע אויגן און זיך אַרומגעקוקט.

ס׳איז געווען טאָג. פינצטערע, טריבע וואָלקנס זענען גע־גאַנגען אויפן הימל. די גרויסע קאַלוזשעס וואַסער און דער צעווייקטער וועג האָבן דערמאָנט אין דעם אומגעהייערן רעגן, וואָס האָט אַ גאַנצע נאַכט געגאָסן. פון די קליינע הייזלעך אַרום, האָט נאָך געטריפט דאָס רעגן־וואַסער.

אַ רעדל קינדער האָבן אים אַרומגערינגלט, געצופּט זיין באָרד ביז בלוט און האַרציק געלאַכט:

— זעט נאָר ווי דער ייד קרומט זיך — איז איינער פון זיי אָפּגעשפּרונגען פון ישו, האַלטנדיק אין זיין האַנט פריש אויסגעריסענע האָר פון זיין באָרד.

— קרעציקער ייד — האָט אַ צווייטער אים צוגעוואָרפן, דערנענטערנדיק זיך צו אים מיט דער זעלבער כוונה.

— בייליס! — האָט אַן אַנדער יינגל זיך פאַר אים פאַר־קרומט.

— ציבעלע־עסער! — האָט נאָך איינער גערופן און אַלע זענען זיי צו אים צו, געריסן פון אים שטיקער, באַשפּיגן און זעענדיק זיין אומבאַוועגלעכקייט, געקראָכן מיט זייערע פינגער אים אין די אויגן אַריין.

ישו האָט געפילט אַז זיין האַרץ ווערט פאַרגאָסן מיט בלוט. ער האָט געוואָלט אויסציען זיינע הענט צו די אומ־שולדיקע קינדער, זיי אַ גלעט טאָן, כדי זיי זאָלן דערפילן דעם כוח פון גוטסקייט און פאַרשטיין זייער אומגערעכטי־קייט. ער האָט געוואָלט צו זיי רעדן מיט דער שטימע זיי־נער וואָס פלעגט אַ מאָל כישופן מענטשן, נאָר די קינדער זענען אָפּגעשפּרונגען פון אים ביי דער מינדעסטער באַ־וועגונג און אַנשטאָט רייד, האָבן זיך פון זיין האַלדז אַרויס־געריסן אומקלאָרע קלאַנגען.

— הערט נאָר זיין בילן — האָט איינער פון די קונדסים געלאַכט און אַלע האָבן מיטגעלאַכט.

די טיר פאַר וועלכער ישו איז געזעסן, האָט זיך האַסטיק אויפגעעפנט, אַראָפּשליידערנדיק אים פון דעם שטיגל אין אַ קאַלוזשע וואַסער אַריין, וואָס האָט אַ שפּריץ געטאָן אויף די קינדער.

— פאַרשאָלטענער ייד! — האָבן אים איניקע פון זיי צוגעוואָרפן.

ישו איז געבליבן ליגן אָן זיך צו קאָנען אַ ריר טאָן.

— גוט אַזוי אויף אים! — האָבן איניקע פאַרבייגייער צופרידן געשאָקלט מיט די קעפּ.

פון אונטער דער צעעפנטער טיר האָט זיך באַוויזן אַ פּויערטע און צעלאַכנדיק זיך פון זען ישוס פּרווו זיך אויפ־צושטעלן, אים באַפאַלן:

— אַוועק צו אַלדע כאָליערעס! זיך אויסגעזוכט אַ פּלאַץ, פאַרשיווער ייד.

ישו האָט זיך קוים אויפגעשטעלט.

„פאָטער אין הימל — האָט ער געטראַכט — אַזוי באַ־גייען זיך מיט מיר מענטשן נאָך דעם, ווי זיי האָבן אַזוי פיל יאָרהונדערטער מיין לערע געלערנט״. זיין קאָפּ איז געווען שווער און דערהיצט. ער איז געווען איבערפולט מיט ווייטיק און געפילט אַ נעפל אין מוח.

ער האָט אָנגעהויבן צו גיין. ווי אַ שיכור זיך געשלעפּט, באַגלייט פון הילכיקע געלעכטערס און שטויסן, וואָס האָבן אָנגעהאַלטן ביז זיין פאַרלאָזן דאָס שטעטל.

ערשט דעמאָלט איז ער געבליבן אַליין.

דער וועג איבער וועלכן ער איז געגאַנגען איז געווען פּוסט און טויט. פינצטערע, רעגנדיקע וואָלקנס האָבן פאַר־לייגט דעם הימל. פון צייט צו צייט זענען געפאַלן טראָפּנס. ער האָט געטראַכט וועגן דעם גרויסן כוח וואָס ער האָט

אַ מאָל געהאַט און זיין איצטיקע הילפלאָזיקייט, וועגן זיין טרויעריקן עלטער.

אַ וועגעלע איז אים אַנטקעגן געקומען מיט איניקע יידן, וואָס זענען דאָרט געזעסן אויף פּעקלעך, קישנס, וועש און אַנדערע שטובזאַכן. אַ שטימע פון אַ פרוי האָט פון דאָרט אַרויסגעוויינט:

— ווי איז מיר און ווינד, די ליכטיקע אויגן האָבן זיי אים אויסגעשטאָכן. דאָס לייב צעשניטן מיט מעסערס. ווי דער מאַמעס אויגן, וואָס האָבן דאָס צוגעזען. ווי צו מיר וואָס כ׳האָב אים אויף דער וועלט געברענגט.

דערזעענדיק ישון, האָבן זיי אָפּגעשטעלט דאָס וועגעלע און געקוקט אויף דעם צעבראָכענעם נאַקעטן מענטשן, וואָס האָט קוים, קוים געשלעפּט זיינע פיס. אויף זייערע נערוועז־דערשראָקענע פּנימער האָט ער געלייענט די פראַגע פון וועלן וויסן וווהין ער גייט?

ער האָט נישט געקאָנט ענטפערן. ער האָט בלויז אויפ־געהויבן אַ האַנט כדי צו ווייזן אַז ער גייט אַהין, פון וואַנען זיי קומען.

— ווי גאָט איז אייך ליב — האָבן זיך די יידן ביי אים געבעטן — ראַטעוועט אייך, גייט נישט אַהין. די גזלנים וועלן אייך הרגענען. מען ברענגט דאָרט אום יידישע לעבנס.

ווידער אַ מאָל האָט פון וועגעלע זיך געטראָגן די שטימע:

— די אויגן האָבן זיי אים אויסגעשטאָכן. דאָס לייב צע־שניטן. ווי דער מאַמען וואָס האָט דאָס געזען. ווי איז צו מיר וואָס כ׳האָב אים אויף דער וועלט געברענגט.

ישו האָט טרויעריק געשאָקלט מיטן קאָפּ און אָנגעהויבן גיין ווייטער. אַ ווײַלע האָבן די יידן אים שווייגנדיק נאָכ־געקוקט. דערנאָך האָט איינער אַרויסגעצויגן פון צווישן זייערע זאַכן, אַ קאָפּעטע און אַראָפּשפּרינגענדיק פון וועגעלע, אים נאָכגעלאָפן:

— נאַט אייך דאָס מלבוש, דעקט כאָטש צו אייער לייב.
— און ער האָט עס אים געהאָלפן אָנטאָן.

לאַנגזאַם איז צוגעפאַלן די נאַכט. אַ פינצטערניש האָט פאַרהילט די וועלט. דער הימל איז כסדר געווען פאַרוואָלקנט, ווי ברוגז מיט דער ערד.

ענדלעך האָט ער זיך דערשלעפּט צום שטעטל וווהין ער האָט געאיילט און אָנגעהויבן זען אַ רויטלעכן אָפּשיין פון שרפות. ער האָט זיך אָנגעשטרענגט צו גיין שנעלער, נאָר ס'איז געווען אומזיסט. ער איז אין גאַנצן געווען באַדעקט מיט אַ שווייס. די ווייטיק וואָס ער האָט אָפּגעפילט אין אַלע זיינע גלידער איז געווען אומגעהייער. קוים, קוים אַז ער האָט געזען אויף זיינע אויגן און אין האַלדז האָט אַזוי פּיינ־לעך געשטיקט. ער איז אָבער געגאַנגען אָן אויפהער. זיינע פאַרשמאַכטע און פון דאָרשט צעשפּאַלטענע ליפּן האָבן גע־בעטן:

— אַלמעכטיקער האַר, פאָטער אין הימל, האָב נישט פאַר־איבל אויף מיין שריט און העלף מיר. העלף מיר ראַטעווען די אומגליקלעכע. גיב מיר צוריק דעם וווּנדערלעכן כוח, וואָס האָט מיך אַ מאָל באַגלייט אויף די פעלדער פון גליל, בעת כ'פלעג מיט איין ברייטל ביי הונדערטער דעם הונ־גער שטילן, קראַנקע געזונט מאַכן, געשטאָרבענע צוריק לע־בעדיק מאַכן...

מיט דער דאָזיקער תפילה אויף זיינע ליפּן איז ער אַריין אין שטעטל.

אַ טומל האָט זיך געטראָגן אין דער לופט. הייזלעך זענען געשטאַנען אָפן, מיט אויפגעפּראַלטע טירן און אויסגעהאַקטע שויבן. אַ טייל הייזלעך האָט געברענט, באַלייכטנדיק מיט רויטלעכע־קופּערנע פאַרבן די צעפלאַמטע און פאַרקרומטע פּנימער פון די פּאָגראָמשטשיקעס, וואָס זענען אַריין און

אַרויס פון די הייזלעך, זוכנדיק דאָרט עפּעס זוערטפּולעס צוצונעמען. אין אַ טייל הייזלעך האָבן זיך געוואַלגערט הרו־גים, עלטערע יידן מיט גרויע, האַלב אויסגעפליקטע פאַר־בלוטיקטע בערד, קינדער מיט צעקלאַפּטע קעפּלעך און אויסגעגאָסענע מוחות, געשענדעטע און דערנאָך אומגע־ברענגטע פרויען, יונגע און אַלטע. פויערים האָבן זיך גע־טראָגן פון אַלע זייטן, שלעפּנדיק פאַרשידענע צוגערויבטע חפצים, מעבלשטיקער, קוישן אָנגעפּילטע מיט כל טוב. יעדעס מאָל פלעגט אויף דאָס ניי ווערן אַ געוואַלד... דאָס האָט מען פון ערגעץ אַרויסגעשלעפּט אַ פאַרבאַהאַלטענעם יידן און איטלעכער האָט געאיילט מיט זיינע פויסטן, מעסערס, אייזנס און דרענגער!

ישו איז אַריין אין המון. ער האָט געוואָלט אָנהייבן רעדן, שטראָפן, בעטן, דערמאָנען גאָטס נאָמען, נאָר פון זיין האַלדז האָבן זיך אַרויסגעריסן אומפאַרשטענדלעכע קלאַנגען. ער האָט זשעסטיקולירט מיט די הענט, געוויזן אויפן הימל, צו־געלייגט זיינע הענט צום האַרצן, געוויזן אויף די ווונדן פון זיינע הענט און פיס, געבויגן זיך אין אַלע זייטן, געקרעכצט, געוויינט.

אַ רעדל האָט אים אַרומגערינגלט. די באַנדיטן האָבן גע־קוקט אויף דעם מאָדנע אויסגעדאַרטן יידן אין דער קאַפּעטע אויף זיין נאַקעט לייב. זיי האָבן געקוקט אויף זיינע העוויות, אויף זיין דרייען זיך אין אַלע זייטן, זשעסטיקולירן, פינטלען מיט די אויגן און זיך פאַרגאַנגען אין אַ ווילד געלעכטער.

דאָס רעדל איז געוואָרן אַלץ גרעסער און ענגער אַרום דעם אויסטערלישן יידן.

— ער איז משוגע — האָט איינער אויסגערופן — ווי גאָט איז מיר ליב — משוגע!

— פון שרעק מסתמא — האָט אַן אַנדערער געלאַכט און

אַלע האָבן אונטערגעהאָלפן ווי אין אַ כאָר, צוגערוקט זיך נעענטער צו ישון און אָנגעהויבן חוזקן איבער אים, ציפּן זיין באָרד, קנייפּן זיין לייב, אַראָפּרייסן פון אים די קאַפּעטע, די שמאַטעס פון זיינע לענדן, טרעטן מיט זייערע שווערע שטיוול אויף די פינגער פון זיינע באָרוועסע פיס.

אַ פויער איז אונטערגעקומען פון הינטן און אויפהייבנדיק אַ שטיק אייזן, האָט ער עס מיטן גאַנצן כוח אַראָפּגעלאָזט אויף ישוס קאָפּ. ס׳האָט זיך געהערט דאָס קנאַקן פון זיין שאַרבן.

באַגיסנדיק זיך מיט בלוט, האָט ישו זיך אַ וואַקל געטאָן און אומגעפאַלן.

און אַז ער האָט אין איניקע סעקונדן אַרום אויסגעהויכט דעם לעצטן אָטעם, האָט אַ בליץ געשפּאָלטן דעם הימל. אַ בלוילעך ליכט האָט פאַרגאָסן די גאַנצע וועלט און באַלד דערנאָך האָט עס אַ מוראַדיקן דונער געטאָן. ס׳האָט זיך גע־דוכט אַז דער דונער צעטרייסלט די ערד.

— אין נאָמען פאָטער, דעם זון און הייליקן גייסט — האָבן ישוס מערדער אויסגערופן און זיך פרום איבערגע־צלמט...

אַזוי האָט זיך אין אַ פינצטערער נאַכט פון יאָר 1919, ווען די פּוילישע מאַרטירער־ערד האָט אַ דאַנק מיליאָנען יונגע לעבנס, אומגעקומענע אויף די אייראָפּעאישע שלאַכט־פעל־דער, זיך באַפרייט פון די בלוטיקע נעגל פון די דייטש־עסטרייכישע און רוסישע אָדלערס, פאַרענדיקט אין אַ שטעטל פון גאַליציע, די צווייטע פראָבע פון קריסטוסעס אַראָפּנידערן צו די מענטשן.

פּאַריז, יוני 1934.


Benn

אַן איבערלעבעניש אין בערלין

ווער קאָן עס פאַרשטיין די מענטשלעכע נשמה?

ווער איז בכוח קלאָר צו מאַכן די סיבות, וואָס זענען גורם געוויסע טואונגען אונדזערע? אונדזער נשמה איז אַ מערקווערדיקער לאַבירינט פון אַקציע און רעאַקציע, אַן אויסטערליש פעלד, ווו עס טרעפן זיך צונויף פאַרשידענע כוחות, וואָס אַ מאָל באַקעמפן זיי זיך, פאַרטרייבן איינער דעם אַנדערן און אַ מאָל, פאַרקערט, באַווירקן זיי זיך קעגנזייטיק און אין רעזולטאַט קומען צום אויסדרוק געוויסע האַנדלונגען אונדזערע, וואָס זענען פאַר אונדז גופא אַן איבערראַשונג נישט צו באַגרייפן.

אַזוי איז פאַר מיר אין גאַנצן נישט פאַרשטענדלעך די סיבה, וואָס באַוועגט מיך איצט אויסצודערציילן מיינס אַן איבערלעבונג, וואָס כ'האָב דרייסיק יאָר צייט געטראָגן אין מ׳ר פאַרשלאָסן אויף זיבן שלעסער און נישט איבערגעחזרט פאַר קיין לעבעדיקן מענטשן קיין איינציק וואָרט אפילו, כאָטש איך פלעג האָבן מאָמענטן, ווען דער פאַרלאַנג צו דערציילן מיין איבערלעבעניש איז געווען אַזוי גרויס, אַז כ'האָב ממש געפילט אַ פיזישן ווייטיק פונעם אָנשטרענג אויף צו שווייגן.

צו די אַלע מערקווערדיקייטן, וועלכע מיר אָבסערווירן

אינעם מענטשן, געהערט אויך דער גרויסער פאַרלאַנג צו ריידן און דערציילן וועגן זיך, צו טיילן זיך מיט נאָענטע, מיט פריינד און אָפּט מאָל, אפילו אויך מיטן ערשטן בעסטן מענטשן וואָס מען באַגעגנט.

יאָ, איך האָב געשוויגן אַזוי פיל יאָרן, ווייל דאָס וואָס איז מיט מיר געשען איז פון אַזאַ כאַראַקטער, אַז מען קאָן עס נישט דערציילן, אויב מען וויל נישט פאַרלירן דעם גוטן נאָמען, דעם דרך־ארץ און די סימפּאַטיע פון פריינד און באַקאַנטע; אָט די זאָרג האָט מיך געצווונגען צו שווייגן און צו ליידן פון נישט קאָנען אַנטפּלעקן דאָס, וואָס עס איז מיט מיר געשען.

און איצט קומט אַ סוף צום שווייגן.

דאָס איז געווען אין יאָר 1925 אין בערלין, ווו כ׳האָב מיך געפונען שוין עטלעכע חדשים צייט ווי אַ פּאָליטישער עמיגראַנט און מיך אַרומגעדרייט אין דער שטאָט כמעט אָן ווינרעכט, אָן אַרבעט און אָן מיטלען צו לעבן. אין אַ געוויסן הייסן פרימאָרגן פון חודש יוני האָב איך אַ פאַרביטערטער און מידער מיך צוגעשפּאַרט אויף אַ באַנק אין אַ קליינעם סקווער, געטראַכט וועגן מיין פאַרצווייפלטער לאַגע און אַזוי זיצנדיק, איינגעדרימלט.

אויפגעוועקט האָב איך מיך פון אַ בליק, וואָס כ׳האָב דערפילט אויף זיך; כ׳האָב מיט שווערקייטן אויפגעעפנט די אויגן, באַדויערט דאָס צוריקקומען צו דער פיינלעכער רעאַליטעט און אַ קוק געטאָן אויפן מענטשן, וועמענס בליק האָט מיר פאַרשטערט מיין דרימל.

דאָס איז געווען אַ מאַן פון אַ יאָר פינף־זעקס און דרייסיק, וואָס איז געזעסן אויף דער זעלבער באַנק, געררייכערט אַ ציגאַר און צופרידן געשמייכלט פון זען מיך אין אַזאַ מצב.

כ׳האָב געפילט, אַז אַ רויטקייט פאַרגיסט מיין פּנים און פאַרשעמט האָב איך אויך אָנגעהויבן לייכט צו שמייכלען.

— נישט גענוג געשלאָפן? — האָט דער מאַן זיך צו מיר אָפּגערופן.

— נישט גענוג.

— האָסט כאָטש גוט פאַרבראַכט די נאַכט? איז זי ווערט געווען דיין אויפזיין?... — רעדט צו מיר וויטער דער פאַר־שוין, שמייכלענדיק כסדר.

כ׳האָב מיך געפילט אַ ביסל שאָקירט פון זיין ווענדן זיך צו מיר גלייך אויף דו און נאָך מער האָט מיך זשענירט זיין בליק, וואָס האָט געוואָנדערט איבער מיר, באַטראַכט מיין הילוך, מיין אָפּגעניצטן אָנצוג און שטאַרק אָפּגעניצטע שיך. כ׳האָב פאַרלעגן געשוויגן און געטראַכט איבערצולאָזן דעם פאַרשוין, ווען שמייכל האָט מיך אָנגעהויבן צו קוועלן.

ער האָט ווי פאַרשטאַנען מיינע געדאַנקען:

— נו יאָ, — האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט אַ האַנט — אַ דזשענטלמען דערציילט נישט אויס אַזעלכע זאַכן. רייכערסט? — האָט ער אַ פרעג געטאָן, אַרויסציענדיק פון אַ טאַש אַ לעדערנעם פּאָרטסיגאַר, וואָס איז געווען פול מיט ציגאַרן.

כ׳האָב געהאַט בדעה נישט צו נעמען און געטראַכט אַ ווײַלע.

— רייכערסט נישט? — האָט ער מיך געפרעגט.

— יאָ, נאָר נישט קיין ציגאַרן.

— נאַרישקייטן. ס׳איז אַ גוטער ציגאַר, פאַרזוך.

כ׳האָב גענומען אַ ציגאַר, פאַררייכערט ביים פייער פון זיינס אַ שוועבעלע און געטראַכט, אַז דער רויך וועט אפשר אָפּשוואַכן מיין הונגער, וואָס כ׳האָב אַלץ פיינלעכער אָנגע־הויבן צו פילן.

די זון האָט זיך שוין אויפגעהויבן הויך איבערן הימל, אַרויסגעקומען פון איבער אַ בוים און געוואָרפן אירע שטראַלן גלייך אויף דער באַנק, אויף וועלכער איך בין געזעסן. ביידע האָבן מיר דערפילט די היץ, וואָס האָט געשלאָגן אויף אונדז.

— ביסט אַ פרעמדער, אַן אויסלענדער? — האָט ער מיך געפרעגט און מיט הנאה גערייכערט זיין ציגאַר.

— יאָ.

— ווי קומט עס, וואָס דו דרימלסט איצט אין גאָרטן, אַרבעטסט נישט?

— ניין.

— וואָס איז דיין באַשעפטיקונג?

— כ'האָב נישט קיין באַשעפטיקונג — האָב איך נאָך אַ ווײַלע וואַקלען זיך אים געענטפערט.

— האָסט דאָ פאַמיליע?

— ניין.

— און געלט?

— אויך נישט — האָב איך נאָך אַ קליינער פויזע באַשטעטיקט.

— אויב אַזוי, מיין פריינד, מוז עס דיר נישט זיין לייכט. ביסט שוין לאַנג אָן אַרבעט?

— זינט איך בין אין בערלין. גאַנצע זעקס חדשים.

— און ווי גיסטו זיך אַן עצה?

— ס'איז טאַקע נישט לייכט.

דער אומבאַקאַנטער איז שטיל געבליבן און וועגן עפּעס נאָכגעטראַכט. רייכערנדיק זיין ציגאַר, האָט ער געקוקט אין דער ריכטונג צו אַ גרופּע קינדער, וואָס האָבן זיך גע־

שפּילט נישט ווייט פון אונדז. דערנאָך האָט ער ווידער אָנ־געהויבן באַטראַכטן מיין הילוך, אָבער דאָס מאָל האָט ער עס געטאָן זייער דיסקרעט.

— ס'איז הייס — האָט ער לסוף זיך אָפּגערופן. — די זון וועט אונדז דאָ אָפּבאַקן, קום, מיר וועלן טרינקען אַ גלאָז ביר — האָט ער מיר אָנגעוויזן אויף אַ ביר־לאָקאַל, וואָס האָט זיך געפונען אַנטקעגן איבער דעם גערטנדל און זיך אויפגעשטעלט.

כ'בין געווען אַפּאַטיש און גלייכגילטיק צו אַלעם. די פראַגן פון אומבאַקאַנטן האָבן מיך אויף דאָס ניי אויפגערודערט און געצוווּנגען צו טראַכטן וועגן דעם האָפענונגלאָזן מצב מיי־נעם. כ'האָב מיך אויפגעשטעלט און ווי אַן אויטאָמאַט אים נאָכגעגאַנגען.

דאָס געטראַנק איז געווען קיל און האָט געפרישט דעם פאַרטרוקנטן גומען.

— אַזוי — האָט ער מיך נאָך אַ מאָל באַדויערט און לסוף געפרעגט — וואָס קלערסטו צו טאָן?

— כ'ווייס נישט. אפשר וועל איך סוף כל סוף געפינען עפּעס אַ באַשעפטיקונג. מען וועט ווייטער זוכן.

— און ביז דעמאָלט?

כ'האָב אָנגעהויבן פילן אַן אומצופרידנקייט פון זיינע פראַגן; צוליב וואָס דאַרף ער דאָס אַלץ וויסן, בעת איך אַליין ווייס אויך נישט וואָס מען הייבט אָן צו טאָן. כ'האָב נישט געענטפערט, נאָר שווייגנדיק געטרונקען און אויסגע־ליידיקט מיין גלאָז.

נישט באַקומענדיק פון מיר קיין ענטפער, האָט ער גע־שוויגן אַ ווײַלע, דערנאָך אויף דאָס ניי פאַררייכערט אַ ציגאַר, אַוועקלייגנדיק איינעם אויך נעבן מיר און געזאָגט:

— מיין פריינד, דו האָסט מזל, וואָס דו האָסט מיך באַ־געגנט; איך האָב פאַר דיר עפּעס; איך קאָן דיר פאָרשלאָגן אַ געוויסע אַרבעט און איב דו וועסט האָבן שכל, וועסטו קאָנען פאַרדינען אַ שיינע מטבע — האָט ער די לעצטע ווערטער שטאַרק אַקצענטירט און עפּעס מאָדנע מיר גע־קוקט אין די אויגן אַריין.

כ׳ווייס נישט צי פונעם אויסגעטרונקענעם ביר אויפן ניכ־טערן מאָגן, צי פון זיינע לעצטע רייד, נאָר כ׳האָב מיט אַ מאָל דערפילט אַ וואַרעמקייט אין גאַנצן לייב און אין קאָפּ האָט אָנגעהויבן רוישן.

— כ׳וועל טאָן אַלץ וואָס מען וועט דאַרפן. כ׳וועל מיך באַמיען אַז דו... אַז איר זאָלט זיין צופרידן פון מיר!

— דאָס וועלן מיר נאָך זען — האָט מיין נייער באַקאַנטער געענטפערט, נישט אַראָפּלאָזנדיק פון מיר זיינע ממש פאָרשנ־דיקע אויגן. ער האָט באַצאָלט פאַרן אויסגעטרונקענעם ביר און זיך אויפגעהויבן פון זיין שטול.

אין דרויסן איז די היץ שוין געווען אַ סך שטאַרקער ווי פריער. אַ ליכט האָט געשטראָמט פון הימל און געשטערט אָפּן צו האַלטן די אויגן. מיר זענען געגאַנגען לאַנגזאַם איבערן טראָטואַר. מיין באַקאַנטער האָט געקוקט אין עטלעכע זייטן ווי ער וואָלט עפּעס געזוכט, לסוף זיך אָפּגעשטעלט און מיך אַ פרעג געטאָן:

— האָסט שוין היינט געגעסן?

כ׳האָב געהאַט אַ פאַרלאַנג צו זאָגן יאָ, נאָר געשוויגן.

— כ׳פאַרשטיי, כ׳פאַרשטיי! קום, מיר וועלן עפּעס אי־בערכאַפּן. צום מיטאָג איז נאָך וויט און ביים עסן וועלן מיר קאָנען אַ שמועס טאָן.

פון זיינע רייד האָב איך געפילט אַ צופרידנקייט אויפגיין

אין מיינע גלידער. מיר האָט זיך מיט אַ מאָל אויסגעדוכט, אַז די זון האָט שטאַרקער אָנגעהויבן צו שיינען. די מידקייט, וואָס כ׳האָב געשפּירט, איז מיט אַ מאָל פאַרשוואונדן.

אין אַ פּאָר מינוטן אַרום זענען מיר געזעסן אין אַן אָנגע־נעמען קאַפעזאַל; אויפן טיש פאַר אונדז איז געווען סער־ווירט ברויט, פּוטער, קעז, אייער. די הייסע קאַפע האָט גע־קיצלט אין די נאָזלעכער און פאַרשיכורט. כ׳האָב אָפּגע־וואָרפן די שעמעוודיקייט, זיך אים מודה געווען, אַז איך חלש פון הונגער און מיט אַפּעטיט זיך איינגעביסן אינעם פרישן ברויט.

אַז כ׳האָב שוין געהאַט געשטילט מיין הונגער, האָב איך ערשט באַמערקט, אַז נאָר איך בין געווען דער עסער. מיין באַקאַנטער איז אָפּגעקומען בלויז מיט דער קאַפע, ער האָט גערייכערט זיין ציגאַר און קוקנדיק, ווי אַזוי איך ליידיק אויס די טעלערס, געזעסן און געשמייכלט, פּונקט ווי פריער אין גערטנדל, בעת ער האָט מיך מיט זיין בליק אויפגע־וועקט פון שלאָף.

איך בין געווען אַ ביסל זשעניִרט צוליבן אַרויסגעוויזענעם אַפּעטיט און האָב אויסגעמיטן זיין בליק.

— הער, מיין פריינד — האָט מיין נייער באַקאַנטער לסוף אָנגעהויבן — הער אויס מיט קאָפּ אין וואָס עס באַשטייט די אַרבעט, וועלכע איך האָב פאַר דיר און ביי וועלכער דו וועסט קאָנען גוט פאַרדינען, אָבער פאַר אַלעם מוז איך דיר איבערגעבן אַ פּאָר ידיעות וועגן מיר גופא.

ער האָט אַוועקגעלייגט דאָס לעצטע שטיקל ציגאַר אויפן אַשנבעכער, אַרומגעקוקט זיך, ווי זיך איבערצוצייגן אַז קיי־נער אַ חוץ מיר, וועט נישט הערן זיינע רייד און גענומען דערציילן:

— דו דאַרפסט וויסן, מיין פריינד, אַז ביז מיט עטלעכע יאָר צוריק בין איך געווען איינער פון יענע טויזנטער אַר־בעטער, וואָס איילן יעדן טאָג אין פאַבריק, פטרן דאָרט די שענסטע טעג פון זייער לעבן און פאַרדינען קוים אויף אַדורכצוקומען זייער טאָג. איך בין געווען אַ לוינשקלאַף מיט אַלע צרות, ווי שטרייקן, אַרבעטסלאָזיקייט און אָפט מאָל אפילו הונגער, וואָס דאָס אַרבעטער־לעבן ברענגט מיט זיך. דער מצב איז מיר לסוף נמאס געוואָרן ביז גאָר און איך האָב באַשלאָסן צו ענדיקן דערמיט, זיך נישט אָפּצו־שטעלן פאַר קיין שום זאַך, דו הערסט! פאַר קיין שום זאַך און נישט פאַר קיין שום שטערונג, אַבי ס'זאָל נעמען אַ סוף צו מיין גיין אין דער פאַבריק אַריין. פאַר יעדן פרייז האָב איך באַשלאָסן אָנצוהייבן אַן אַנדער לעבן, כדי צו קאָנען געניסן פון וואָס מער פריידן, וואָס דאָס לעבן קאָן געבן אַזאַ יונגן מענטשן ווי מיר. אוודאי איז דער אָנהייב נישט געווען לייכט, אָבער מען האָט געדאַרפט פאַרמאָגן די גאַנצע שנאה, וואָס האָט זיך אין מיר אָנגעזאַמלט צו מיין פריערדיק לעבן, כדי דורכצופירן מיין באַשלוס. פון דע־מאָלט אָן, שוין עטלעכע יאָר, אַז כ'בין מיין אייגענער האַר. כ'פיר אַ לעבן ווי מיר געפעלט; כ'לייג מיך און שטיי אויף, ווען מיר גלוסט זיך. דו דרייסט זיך אַרום, ווייל דו האָסט נישט קיין אַרבעט און איך דריי מיך אַרום פריי, ווייל איך וויל נישט און כ'דאַרף נישט גיין צו קיין שום אַרבעט און כאָטש איך בין נישט באַשעפטיקט, פעלט מיר גאָרנישט. איך האָב אַלץ, וואָס איך דאַרף און כמעט אַלץ, וואָס איך וויל. כ'בין פאַרזאָרגט אויף היינט, אויף מאָרגן, אויף אי־בער אַ יאָר! — האָט מיין נייער פריינד געשמייכלט און געקוקט אויף מיר, כדי צו זען דעם איינדרוק, וואָס זיינע רייד מאַכן.

— אינטערעסאַנט — האָב איך אויפריכטיק באַשטעטיקט מיין פאַרוווּנדערונג, — ווי אַזוי האָט איר דאָס דערגרייכט?

— ווי אַזוי? — האָט ער צופרידן איבערגעחזרט מיין פראַגע — מען דאַרף האָבן שכל און אַ ביסל קוראַזש. מער שכל ווי קוראַזש — האָט ער צוגעגעבן.

כ׳האָב געשוויגן, נישט ווּיסנדיק, ווי אַזוי אויסצוטייטשן זיינע לעצטע ווערטער.

— אוודאי איז נישט אין גאַנצן אמת מיין זאָגן דיר, אַז כ׳טו גאָרנישט. עפּעס טו איך יאָ, נאָר דאָס טאָן איז זייער אַ דעליקאַטער ענין. וואָכנלאַנג טו איך גאָרנישט, בוכ־שטעבלעך גאָרנישט, נאָר קוים טרעט איך שוין צו עפּעס טאָן, אַרבעט איך מיך דערביי אויך נישט איבער — האָט ער כסדר געשמייכלט און אין זיינע אויגן האָט זיך אָנגעזונדן עפּעס אַ מאָדנע פייערל.

אַן אומהיימלעכקייט האָט אַ ווייע געטאָן אויף מיר פון זיין בליק און קעגן מיין ווילן האָב איך מיך אַרויסגעכאַפּט:

— איז וואָס איז דאָס פאַר אַן אַרבעט?

דער שמייכל, וואָס האָט זיך נאָר וואָס געזען אויף זיין פּנים, איז מיט אַ מאָל ערגעץ פאַרלוירן געגאַנגען. ער איז געוואָרן ערנסט. ער האָט געשוויגן אַ ווײַלע און מיך באַ־טראַכט מיט אַ דורכדרינגענדיקן בליק, ווי זיך מישב גע־ווען מיט זיך אַליין און לסוף אַרויסגערעדט:

— איך בין אַ גנב, אַ קאַסע־איינברעכער.

איך בין געווען אַזוי ווייט פון צו באַקומען אַזאַ ענטפער, אַז כ׳האָב פּשוט נישט פאַרשטאַנען זיינע רייד און איבער־געפרעגט:

— וואָס אַזוינס?

— אַ קאַסע־איינברעכער! — האָט ער איבערגעחזרט מיט

אַזאַ ערנסטקייט אין דער שטימע, אַז ס׳איז שוין נישט געווען מער צו ספקן אין דעם מיין פון זיינע רייד, וואָס כ׳האָב ענדלעך אָנגעהויבן צו באַנעמען.

כ׳האָב געוואָלט עפּעס זאָגן, באַמערקן, ענטפערן, נאָר פון איבערראַשונג האָב איך נישט געקאָנט אַרויסברענגען קיין וואָרט. איך האָב גאַנץ דייטלעך דערפילט, אַז דער שלאָף, וואָס האָט מיך פריער באַהערשט, טוט זיך ערשט איצט פון מיר אָפּ. כ׳האָב געהאַט דאָס געפיל, אַז כ׳בין אַרונטערגע־פאַלן אונטער אַ שפּריץ פון קאַלטן וואַסער, וואָס וועקט אויף אַלע מיינע חושים.

און כאָטש כ׳האָב געפילט די זינלאָזיקייט פון מיינע רייד, האָב איך אַ זאָג געטאָן:

— ס׳איז אמת וואָס איר דערציילט וועגן זיך?

— ס׳איז אמת — האָט ער באַשטעטיקט און געקוקט מיר גלייך אין די אויגן אַריין, כדי צו זען, צו לייענען אין זיי דעם איינדרוק פון זיינע רייד.

איצט ערשט האָב איך אָנגעהויבן צו זען דעם מענטשן מיט אָפענע אויגן; דאָס איז געווען אַ פיין געבויטער הויכער מאַן. אייניקע שטריכן אויף זיין אָוואַל פּנים האָבן דער־ציילט וועגן אַ מענטשן מיט אַ סך ענערגיע. זיינע בלויע פינקלדיקע אויגן און דער שיינער קאָפּ פיין פאַרקעמטע בלאָנדע האָר האָבן אים געגעבן אַ ביז גאָר סימפּאַטיש אויס־זען. ער איז געווען גוט אָפּראַזירט און זיין שנייוווייסער פּאָפּ־לין־קאָלנער און רויט־זיידענער קראַוואַט האָבן אָפּגעגעבן מיט אַ סך עלעגאַנץ און געווען פון סאַמע פיינסטער קוואַ־ליטעט. אַזוי אויך זיין העל ברוינער אנצוג, וואָס איז געווען פון זייער אַ גוטן שטאָף און געלעגן ווי אויסגעגאָסן אויף דער פיגור זיינער. אויף זיין רעכטער האַנט האָט ער געטראָגן אַ רינגל מיט אַ גרעסערן ברילִיאַנט, וואָס האָט געשפּילט פון

יעדער באַוועגונג און פון אונטער דעם שנייוויַיסן מאַנקעט האָט אַרויסגעקוקט אַ גאָלדן זייגערל אויף אַ מאַסיוון גאָל־דענעם בראַסלעט.

כ׳בין געווען צעטומלט פון דעם, וואָס איך האָב מיך דער־ווּסט, פון דער באַקאַנטשאַפט, וואָס איז מיר באַשערט גע־ווען. כ׳האָב אָנגעהויבן צו פילן אַ פאַרדראָס, וואָס אַזאַ מענטשן בין איך שולדיק אַ דאַנק פאַרן שטילן מיין שווערן הונגער.

— איז וואָס זאָגסטו צו מיין פּראָפעסיע? — האָט ער נאָך אַ קורצן דויער פון מיין שוויַיגן געפרעגט.

כ׳האָב מיך געפונען אין אַ גרויסער פאַרלעגנהייט; וואָלט ער נישט אַרויסגעוויזן אַזאַ פריינדלעכקייט פון אַריינגעמען אין דער קאַפע און שטילן דעם הונגער ביי אַן אומבאַקאַנטן אַרבעטסלאָזן אויסלענדער, וואָלט איך אים גלייך איבער־געלאָזט און פון אים אַוועק, כדי אים צו וויַיזן מיין באַצי־אונג צו אַזעלכע סאָציאַל־געזונקענע עלעמענטן. אָבער איצט, ווען אויפן טיש האָבן זיך נאָך געפונען די טאַסן און טעלער, פון וועלכע איך האָב נאָך אַזוי פיל שעהען הונגערן געשטילט די פּיין, בין איך געזעסן אין גאַנצן פאַרלוירן און כ׳האָב נישט געוווּסט, ווי אַזוי צו רעאַגירן און וואָס אים צו ענט־פערן.

נישט באַקומענדיק פון מיר קיין ענטפער אויף זיין גע־שטעלטער פראַגע, האָט ער נאָך אַ ביסל געשוויגן, נישט אַראָפּנעמענדיק פון מיר זיין בליק, לסוף זיך אויף דאָס ניי צעשמייכלט און זיך אָפּגערופן:

— איך קאָן מיר אויסמאָלן, אַז מיינע רייד האָבן אויף דיר געמאַכט אַ געוויסן איינדרוק. דו ווייסט דיר אָבער נישט פאָרשטעלן, וואָס איך גופא האָב איבערגעלעבט פון מאָמענט אָן, ווען כ׳האָב אָנגעהויבן טראַכטן וועגן אַריבערגיין צו

מיין הינטיקער פּראָפעסיע. איצט איז עס אַ געענדיקטע זאַך כ׳באַדויער נישט מיין שריט — און ווי ער וואָלט געלייענט מיינע געדאַנקען, האָט ער אַ זאָג געטאָן — כ׳פאַרזיכער דיך, אַז מיין געוויסן איז פולשטענדיק אין אָרדענונג, וואָרעם די קאַסעס וועלכע איך ליידיק אויס, שטייען נישט אין ביי קיין אָרעמע לייט...

אין דער קאַפע, אין וועלכער מיר זענען געזעסן, איז געווען שטיל. מיר זענען אין דער שעה געווען די איינציקע קליענטן. די באַדינערין פלעגט זיך באַווייזן אויף אַן אויגנבליק אין זאַל און גלייך פאַרשווינדן הינטער אַ זייטיקער טיר.

כ׳האָב געטראַכט וועגן זיין לעצטער באַמערקונג און פּראָבירט מיר קלאָר מאַכן וואָס צו טאָן; ס׳איז דאָך אויסער יעדן ספק, אַז איך דאַרף דעם מענטש פאַרלאָזן, וואָס גיכער פאַרלאָזן, נישט זיצן מיט אים ביי איין טיש, כאָטש ער האָט מיר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז קאַסעס שטייען נישט אין ביי קיין אָרעמע לייט... עס איז קלאָר, אַז איך דאַרף אים זאָגן אַ שיינעם דאַנק פאַר זיין זשעסט לגבי מיר און געענדיקט, אויס גוטע ברידער, אַ סוף... און... כאָטש עס איז מיר געווען קלאָר, ווי אַזוי איך דאַרף האַנדלען, בין איך געזעסן אויף מיין פּלאַץ, געשוויגן און האָב מיך נישט גערירט פון אָרט.

מיין פריינד האָט גערויכערט זיין לעצט שטיקל ציגאַר, מיט הנאה אַרויסגעלאָזט דעם רויך פוןביידע נאָזלעכער און גערעדט צו מיר מיט אַ שטילער, געלאַסענער שטימע:

— דו דאַרפסט וויסן, מיין ליבער, אַז איך פיר אַדורך אַן אָפּעראַציע... צוויי, העכסטנס דריי מאָל אין יאָר; איך אייל מיך נישט. איך נעם מיר צייט, אַ סך צייט... און קוים נעם איך עפּעס אונטער, באַקען איך מיך מיט אַלע איינצלהייטן,

פון מיין אויפגאַבע, אַזוי אַז דערנאָך גיי איך מיט פאַרמאַכטע אויגן און מיט דער גרעסטער רואיקייט און זיכערקייט, כדי נישט צו האָבן קיין סיורפּריז און קיין דורכפאַל. איך אַרבעט... מיט אַ הונדערט פּראָצענטיקער זיכערקייט. און היינט, טאַקע היינט אָוונט, פיר איך אַדורך אַזאַ אַרבעט... און יעדעס מאָל אַנגאַזשיר איך אַ מענטשן אויף אַ פּאָר שעה צייט. דו מיינסט, אַז דער מענטש דאַרף עפּעס טאָן? נאַרישקייטן, כמעט גאָרנישט; ער דאַרף האַלטן אַן עלעקטרישן לאָמפּ, האַלטן שליסלען, אַ פּאָר אינסטרומענטן. דאָס וועט זיין דיין אַרבעט, אויב דו וועסט באַשטיין... ווייסטו, וויפל אַן אַרבעטער באַקומט פאַר אַ וואָך אַרבעט? — האָט ער מיך פּלוצעם אַ פרעג געטאָן און נישט וואַרטנדיק אויף מיין ענטפער, האָט ער מיט די זעלבע געלאַסענע ווערטער, נאָר אַ ביסל לאַנגזאַמער אין מיר אַריינגערעדט — פאַר די קורצע פּאָר שעה פון היינטיקן אָוונט וועסטו ביי מיר באַקומען פּונקט אַזוי פיל, וויפל עס באַקומט אַן אַרבעטער פאַר גאַנצע דריי חדשים אַרבעט. וועסטו האָבן שכל, וועסטו נישט הונגערן!

פון די רייד האָב איך געפילט אַ היץ און אַ קעלט גיין איבער מיין לייב. העלפן אים אין דער גנבה! דאָס איז, הייסט עס, די אַרבעט, וועלכע ער האָט פאַר מיר. היינט אָוונט פירט ער אַדורך אַן „אָפּעראַציע״, „ס׳איז כמעט נישט קיין אַרבעט״, „הונדערט פּראָצענט זיכערקייט״, „אַ לוין ווי פאַר דריי חדשים אַרבעט״ און לסוף, אַז כ׳וועל נישט הונגערן! די אַלע רייד האָבן מיך געטרייסלט ווי אַ פיבער. איך האָב אויפגעהערט זען אויף מיינע אויגן. כ׳האָב געטראַכט וועגן מיין קליין צימערל, וואָס אין דריי טעג אַרום וועל איך דאַרפן באַצאָלן פאַר אַ פרישן חודש דירה־געלט און כ׳האָב נישט קיין גראָשן. כ׳האָב געטראַכט אַז פאַרנאַכט צו, וועט דער הונגער ווידער אָנהייבן פייניקן. „וואָס טוט מען,

וואָס טוט מען?״ — האָב איך פאַרביטערט מיך געפרעגט, ווי קומט עס אַז איך, אַ פּאָליטישער עמיגראַנט, וואָס האָב מיך קוים אַרויסגעראַטעוועט פון די נעגל פון פּאָליציי פאַרן וועלן אַ יושרדיק לעבן, זאָל זיצן מיט אַזאַ אונטערוועלט־פּאַרשוין ביי איין טיש און אויסהערן פון אים אַ פאָרשלאָג וועגן באַטייליקן זיך אין אַ גנבה. וואָלט איך מיר פריער פאָרגעשטעלט, אַז אויסהערנדיק אַזאַ פאָרשלאָג, וועל איך נישט אויסשפּייען און אַוועק?

ניין. כ׳האָב נישט אויסגעשפּיגן און בין נישט אַוועק. כ׳בין געזעסן מיט אַ שווערן גערעַנגל אין האַרצן, פאַרצווייפלט און פאַרלוירן. דער אַנדערער האָט וועגן עפּעס נאָכגעטראַכט און געענדיקט דאָס רייכערן פון ציגאַר.

איניקע מינוט האָט אָנגעהאַלטן אונדזער ביידנס שווייגן. לסוף האָט ער זיך אָפּגערופן:

— מיר זיצן שוין צו לאַנג אין אַ פאַרמאַכטן לאָקאַל. ס׳איז אַ שאָד אין אַזאַ טאָג זיך נישט צו געפינען אין דרויסן. הער, מיין ליבער, מיין פאָרשלאָג, וואָס כ׳האָב דיר געמאַכט, איז ערנסט, זייער ערנסט. דו דאַרפסט אָבער נישט גלייך ענטפערן יאָ אָדער ניין. מיר האָבן צייט. — ער האָט אַ בליק געטאָן אויף זיין גאָלדן זייגערל און פאַרגעזעצט — ס׳איז איצט צען מינוט נאָך עלף. דו קענסט דעם אַלעקסאַנדער־פּלאַץ?

— יאָ.

— איז אויב דו דעצידירסט זיך, אויב דו נעמסט אָן מיין פאָרשלאָג, זאָלסטו זיין פּינקטלעך צוויי אַ זייגער ביי דער סטאַטוע אויפן אַלעקסאַנדער־פּלאַץ, וווּ כ׳וועל וואַרטן אויף דיין ענטפער. קומסטו נישט צו דער צייט אויף דעם אָפּגערעדטן אָרט, ווייס איך, אַז דו האָסט מיין פּראָפּאָזיציע נישט אָנגענומען. איך וויל אָבער גלייבן, אַז דו וועסט נישט אַדורכ־

לאָזן די געלעגנהייט, אַז דו וועסט זיך אויסטויגן און וועסט פאַרדינען אַ שיינע סומע געלט.

ער האָט אויסגענוצט דעם מאָמענט, וואָס די דינערין האָט זיך באַוויזן אין זאַל און באַצאָלט דעם חשבון, דערנאָך אַוועקגעלייגט אויפן טיש אַ געלט־אַסיגנאַציע:

— דאָס איז דערווײַלע פאַר דיר, כדי דו זאָלסט זיך נישט אַרומדרייען אָן אַ גראָשן.

כ׳האָב געמאַכט אַ זשעסט פון נישט וועלן דאָס געלט.

— זיי נישט קיין נאַר — האָט ער פון מיר געלאַכט. ער האָט זיך אויפגעשטעלט און אַ קלאַפּ געבנדיק מיר לייכט אין דער פּלייצע, דערמאָנט — הייסט עס, צוויי אַ זייגער ביי דער סטאַטוע אויפן אַלעקסאַנדער־פּלאַץ!

און ער האָט פאַרלאָזט דעם לאָקאַל.

בלייבנדיק אַליין, האָב איך פרייער אָפּגעעטעמט. דאָס וואָס עס איז מיט מיר געשען פאַר די די לעצטע אָנדערטהאַלבן־צוויי שעה, איז געווען אַזוי אומגעריכט, אַזוי שווער צו באַגרייפן, אַז כ׳האָב געמוזט בלייבן אַליין. נישט פילן נעבן זיך קיינעם, קיין שום מענטשן, וואָס וואַרט אויף עפּעס אַן ענטפער. כ׳האָב פשוט אָפּגעפילט אַ דאַנקבאַרקייט צו מיין מערק־ווערדיקן באַקאַנטן פאַר זיין נישט פאָדערן פון מיר קיין תיכפדיקן באַשלוס און מיך לאָזן אַליין. כ׳האָב געטראַכט וועגן דער געשלאָסענער באַקאַנטשאַפט, וועגן זיין פּראָפּעסיע און דעם מיר געמאַכטן פאָרשלאָג. מאָמענטנווייז האָב איך מיר פּראָבירט איינרעדן, אַז דאָס איז נישט אמת, אָבער די געלט־אַסיגנאַציע, וואָס איז געלעגן אויפן טיש, האָט מיך צוגעהאַלטן צו דער רעאַליטעט און מיך דערמאָנט, אַז בערך אין צוויי שעה אַרום דאַרף איך זאָגן יאָ אָדער ניין.

יאָ אָדער ניין?

איז דען פאַראַן אַ פראַגע װעגן יאָ? אַז איך זאָל מיך אָנשליסן אין דעם מענטשן און מיטהעלפן אים? אויב איך האָב נישט געהאַט קיין כוח גלייך אויפן אָרט צו זאָגן ניין, אויב איך האָב צוליב אַן אָנבייסן אים נישט געקאָנט זאָגן װאָס איך טראַכט, אויב איך האָב מיך אַרויסגעװיזן פאַר אַזוי שוואַך, קאָן דען אָבער זיין אַ קלער װעגן עפּעס אַנדערש װי װעגן אָפּװאַרפן זיין פּראָפּאָזיציע?

ערשט איצט, ביים דאָזיקן געדאַנק, האָב איך געפונען ביי מיר כוח צו נעמען די אַסיגנאַציע און אַריינלייגן זי צו מיר אין טאַש מיט דער פולשטענדיקער זיכערקייט, אַז אויב איך װעל זיין צוויי אַ זייגער אויף דעם אָפּגערעדטן אָרט, איז נאָר כדי זי אים אומצוקערן.

מיט דעם אָ באַשלוס האָב איך פאַרלאָזט די קאַפע.

ס'איז שוין געװען צװעלף אַ זייגער. די היץ איז געװען אַזוי שטאַרק, אַז עס האָט פּשוט געפעלט לופט צום עטעמען. כ'בין געגאַנגען איבער די בערלינער גאַסן אָן אַ ציל, אָן אַ ריכטונג און מיך נישט געקאָנט באַפרייען פון אַ שװער געפיל, װאָס האָט מיך שטאַרק באַהערשט. אָנגעהויבן האָב איך דעם היינטיקן פרימאָרגן שװער געפייניקט פון הונגער און איצט, אין דער מיטאָג־שעה, האָט מיך אַלץ מער געפייניקט די פראַגע „װאָס טאָן?".

— כ'װעל אים צוריקגעבן דאָס געלט און דערנאָך? װי־דער הונגערן? װי לאַנג הונגערן? ביז כ'װעל אַנידערפאַלן אויף אַ גאַס אַן אויסגעשעפּטער? װאָס װעל איך דערמיט דערגרייכן? אַ גאַנצע שטאָט לעבט, גייט נעבן מיר פאַרביי און קוקט זיך אפילו אויף מיר נישט אום און אויב עמעצער באַמערקט מיך יאָ, איז עס כדי צו טראַכטן װעגן מיר װי װעגן אַ שלעפּער. איז ער דען נישט גערעכט, װאָס ער האָט אַ שפּיי געטאָן אויף דער מאָראַל פון דער כלומרשט פיינער

געזעלשאַפט וואָס לאָזט דיך אומקומען אין די סאַמע בליענ־דיקע יאָרן? — אַזוי האָב איך צו מיר גערעדט און מיין שטימונג האָט זיך אַלץ מער פאַרערגערט, פילנדיק ווי אין מיר ברעכן זיך איין אַלע פרינציפן, מיט וועלכע כ׳האָב ביז היינט, ביז נאָר וואָס, געלעבט.

כ׳האָב פּראָבירט נישט צו קוקן אויף די זייגערס, וועלכע כ׳בין פאַרבייגעגאַנגען. כ׳האָב געוואָלט פאַרגעסן די אָפּגע־רעדטע שעה. אָבער אַז דער זייגער האָט זיך צוגערוקט צו צוויי, בין איך געווען ביי דער סטאַטוע אויפן אַלעקסאַנדער־פּלאַץ.

פון ערגעץ ווו איז אויסגעוואַקסן מיין באַקאַנטער.

— אַזוי האָב איך ליב — האָט ער שמייכלענדיק צו מיר גערעדט. — די פּינקטלעכקייט איז אַ גוטע זאַך. כ׳האָב גע־גלייבט, אַז דו וועסט זיין — ער האָט אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויף מיין אַקסל און קוקנדיק מיר גלייך אין די אויגן אַריין, געפרעגט:

— מסכים?

כ׳האָב געמאַכט אַ לעצטע פאַרצוויפלטע אָנשטרענגונג מיך אַרויסצוראַטעווען פון דעם תהום, וועלכן כ׳האָב געזען פאַר מיר. כ׳האָב געוואָלט אַרויסכאַפּן פון טאַש דאָס געלט, צוװאַרפן אים די אַסיגנאַציע און אַנטלויפן, נאָר אַנשטאָט דעם אַלעם האָבן מיינע ליפן אַרויסגערעדט:

— מסכים.

— בראַוואָ, נאָר נישט זיין קיין נאַר — האָט ער צופרידן מיר געקלאַפּט איבער דער פּלייצע — וועסט עס נישט באַ־דויערן! וועסט עס נישט באַדויערן — האָט ער נאָך אַ מאָל איבערגעחזרט — אָבער ביז וואָס וועלן מיר עפּעס איבער־כאַפּן. ס׳איז שוין צייט — און מיר זענען אַריין אין אַ רעס־טאָראַן.

מיטן אַרויסזאָגן דאָס שרעקלעכע וואָרט „מסכים״, האָב איך געפילט, ווי די גאַנצע שוועריקייט, וואָס האָט אויף מיר נאָר וואָס געפרעסט, איז פאַרשווונדן. ווי מערקווערדיק דאָס זאָל נישט קלינגען, נאָר איך האָב צוריק דערפילט דעם באָדן אונטער מיינע פיס. וואָס עס וועט זיין, וועט זיין. אַזוי ווי ביז איצט איז ערגער. אין טורמע שטאַרבט מען אויך נישט פון הונגער. איבעריקנס ער האָט דאָך מיר דערקלערט, אַז ס׳איז ממש „הונדערט פּראָצענט״ זיכער...

ביים דערזען די פאַרשידענע מאכלים, וואָס זענען געשטאַנען אויפן בופעט, גרייט סערווירט צו ווערן, האָב איך אויף דאָס ניי דערפילט דעם אָנקום פון אַפּעטיט און אַז ער האָט מיר געזאָגט, אַז מיר האָבן נאָך „אַ סך, אַ סך צייט״, האָב איך מיך געפילט בעסער און צופרידענער.

ביים מיטאָגעסן האָבן מיר זיך אַ ביסל נעענטער באַקענט; ער האָט מיך געפרעגט אויף מיין נאָמען, ווו כ׳ווין און זיך האָט ער געהייסן רופן פעליקס. ער האָט מיך אויסגעפרעגט וועגן מיין פאַרגאַנגענהייט און מיר אויך דערציילט פאַרשידענע איינצלהייטן וועגן זיך גופא און אַז מיר האָבן זיך שוין געהאַט גענוג אָפּגערוט, איז שוין געווען נאָענט צו פיר אַ זייגער.

פעליקס האָט מיר דערקלערט, אַז צו „אונדזער זאַך״ טרעטן מיר ערשט צו זיבן אַ זייגער אין אָוונט און אויב ער האָט מיך באַשטעלט אויף צוויי אַ זייגער, האָט ער עס געטאָן אויף צו וויסן באַצייטנס וועגן מיין באַשלוס, כדי אין פאַל פון מיין אָפּזאָג זאָל ער האָבן גענוג צייט צו געפינען אַן אַנדערן מענטשן. איצט ווייסט ער, אַז ער דאַרף שוין קיינעם נישט זוכן און ער באַשטעלט מיך אויף זיבן אַ זייגער אָוונט ביי דער זעלבער סטאַטוע.

— היינט האָבן מיר נישט קיין צייט... — האָט ער צו

מיר גערעדט — אָבער מאָרגן וועסטו איינקויפן נייע קליי־דער און דאָס וואָס דו טראָגסט אויף זיך, וועסטו אַרויסוואַרפן. האָסט פאַרשטאַנען? אַלזאָ אום זיבן אַ זייגער! — האָט ער מיך דערמאָנט און כדי מיך צו מוטיקן, צוגעגעבן:

— זאָלסט זיין רואיק. אַלץ וועט זיין גוט. איך גיי נישט סתם אויף קיין אַרבעט.

און מיר האָבן זיך צעשיידט.

בלייבנדיק אַליין, האָב איך אַ ביסל שפּאַצירט אויף דער באַלעבטער, מיט זון באַגאָסענער גאַס. ס׳איז געווען אַ פּאַר־געניגן אַזוי צו וואַנדערן אַ זאַטער און פילן ווי די פּאַר־לוירענע כוחות קומען צוריק. כ׳האָב מיר איינגעהאַנדלט אַ פּעקל גוטע פּאַפּיראָסן, אַוועקלייגנדיק פאַרן פאַרקויפער מיין אַסיגנאַציע און מיט צופרידנהייט געציילט מיין געלט, וואָס כ׳האָב צוריקבאַקומען ווי אַ רעשט. כ׳האָב מיך אַוועק־געזעצט אין אַ באַקוועמער קאַפע, ביי אַ פענצטער און ביים געטראַנק, געקוקט אויף דער דרויסנדיקער באַוועגונג און געטראַכט וועגן דעם מאָדנעם געשעעניש פון היינטיקן טאָג, וועגן מיין אָפּגעגאַנגענעם לעבנסוועג, וועגן מיין אַקטיוויטעט אין אַ באַוועגונג וואָס שטרעבט צו אַ יושרדיקער וועלט, וועגן דער פּאָליצייאישער געפאַר וואָס האָט מיר דערפּאַר געדראָט און פון וועלכער איך האָב מיך קוים אַרויסגעראַ־טעוועט, אַנטלויפנדיק קיין בערלין, כדי דאָ אַריינצופאַלן אין אַ נויט. כ׳האָב געטראַכט וועגן די חדשים פון הונגער און דחקות, וועגן היינט אין דער פרי, ווען איך בין אויפגע־וועקט געוואָרן דורך פּעליקסן צו אַ שריט, וואָס האָט דער־ווײַלע אַ סוף געמאַכט צו מיין הונגער, אַריינגעלייגט אין מיין טאַש געלט און אַ צוזאָג אויף צו באַקומען נאָך מער: „ווי פאַר דריי חדשים אַרבעט" און אַז היינט אום זיבן אַ זייגער אָונט, וועט עס געשען!...

כ׳האָב אַ זוך געטאָן מיט די אויגן אַ זייגער און דערזען, אַז עס איז שוין פינף אַ זייגער, הייסט עס, נאָך צוויי שעה, בסך־הכל נאָך הונדערט מיט צוואַנציק מינוט!

עס איז שוין נאָענט, גאָר נאָענט און אַן אומרואיקייט האָט מיך אַרומגענומען. אַן אומרואיקייט און אַן אומהיימלעכ־קייט. ערשט איצט האָב איך גאַנץ קלאָר באַגריפן, צו וואָס פאַר אַן ענין כ׳האָב מיך אַנגאַזשירט, מיט וועמען איך האָב מיך פאַרבונדן און ווען אפילו אַלץ זאָל פאַרביי בשלום, ווי פעליקס האָט מיך אַזוי פיל מאָל פאַרזיכערט, וועל איך אָבער פאָרט מיט מיר טראָגן, אויף מיין גאַנץ לעבן לאַנג, אַ פלעק פון אַן אונטערוועלט־מענטש, פון אַ גנב. אמת, אַ גנב צוליב הונגער, צוליב נויט, אָבער פאָרט אַ גנב, און נאָכן אָפּטאָן דאָס פאַרברעכן צי וועל איך מיך קאָנען באַפרייען פון פעליקסן? אפשר וועל איך אַריינגעשלעפּט ווערן אין אַן אָפּגרונט, אין וועלכן איך גליטש מיך אַראָפּ און וועל ענ־דיקן ערגעץ אין אַ טורמע ווי אַ פאַרברעכער?

כ׳האָב פאַרלאָזט די קאָפּע.

און ווידער האָב איך געוואַנדערט גאַס־איין גאַס־אויס, פילנ־דיק אַ וויסטעניש אין האַרצן. דער פאַרנאַכט איז געווען אַ הייסער, אַ שטיקנדיקער. איך אָבער האָב געפילט אַ קעלט גיין איבער מיין לייב. מיין נערוואָזיטעט האָט געהאַלטן אין איין שטייגן. כ׳האָב געהאַט אַ פאַרלאַנג, אַז די זייגערס זאָלן זיך אָפּשטעלן, צום מינדסטן, פאַרלאַנגזאַמערן זייער גאַנג. נאָר ווי אויף צו להכעיס האָט די צייט זיך גערוקט אָן אויפהער.

זיבן אַ זייגער אָוונט בין איך ווידער געווען אויפן אַלעק־סאַנדער־פּלאַץ און זיך געטראָפן מיט פעליקסן. ער איז גע־ווען איבערגעטאָן אין אַ טונקל־גרויען אַנצוג און פריש ראַזירט.

— ווי פילסטו זיך? — האָט ער מיך געפרעגט.

— גוט — האָב איך געענטפערט, נישט הערנדיק אַליין מיינע רייד.

מיר זענען ווידער אַריין אין זעלבן לאָקאַל ווי מיטאָג־צייט און האָבן זיך אַוועקגעזעצט צום אָוונטברויט. כ׳בין אָבער נישט געווען בכוח צו עסן און קוים אָנגערירט דאָס דערלאַנגטע. פעליקס האָט געגעסן מיט אַפּעטיט.

— עס, עס, נעם דיך נישט איבער מיט דער אַרבעט — האָט ער אין מיר אַריינגערעדט, פאַרשטייענדיק די סיבה פון מיין נישט קאָנען עסן און מאָדנע געשמייכלט, ווי ער וואָלט אַ הנאה געהאַט פון מיין צושטאַנד.

ניין, כ׳האָב נישט געקאָנט עסן. דער געדאַנק אַז אָט... אָט... אַז די מינוט דערנענטערט זיך, האָט אָפּגעטייט דעם הונגער. כ׳האָב געפילט אַ היץ אין די אויגן און איצט קוים געזען.

געענדיקט דאָס אָוונטברויט, האָט פעליקס מיך מכבד גע־ווען מיט אַ ציגאַר און געפרעגט:

— אין שאַך שפּילסטו?

— יאָ...

ער האָט געהייסן דערלאַנגען אַ שאַך, אָבער נאָך די ערשטע פּאָר צוגן האָט ער איבערגעריסן די שפּיל, לאַכנדיק פון מיר:

— אויב דו שפּילסט אַלע מאָל אַזוי ווי איצט, זאָלסטו נאָך אַ מאָל, אויב מען וועט דיך פרעגן צי דו קענסט די שפּיל, זאָגן אַז ניין.

ס׳איז מיר געווען אַלץ איינס.

כ׳בין געזעסן ווי אויף צעגליטע קוילן און האָב זיך גע־שראָקן פאַרן מאָמענט, וואָס דאַרף מסתמא באַלד אָנקומען... אָבער מיין פּאַרטנער איז געזעסן רויִק, גערייכערט און

אַריינגעקוקט אין אַ גרויסער אָוונט־צייטונג. צו מאָל האָב איך געפילט זיין בליק אויף מיר און פון צייט צו צייט האָט ער מיר שטיל געזאָגט:

— ס'איז נאָך צייט.

דער „ס'איז נאָך צייט" איז געווען פאַר מיר אַ שווערע אָפּקומעניש. מאָמענטנווייז, אין מיין גרויסער געשפּאַנטקייט, בין איך געווען גרייט צום סאַמע ערגסטן, אַבי עס זאָל אַ סוף נעמען צו דער פּיין פון וואַרטן. ערשט צוועלף אַ זייגער, האָט פעליקס אַוועקגעלייגט די צייטונג. זיין פּנים איז געוואָרן ביז גאָר ערנסט. ער האָט געהייסן דערלאַנגען קאָניאַק און באַצאָלט דעם חשבון. דער קעלנער האָט צוגעבראַכט אַ קליין וואַליזקעלע און עס אַוועקגעשטעלט נעבן אונדז.

פעליקס האָט מיר געמאַכט אַ צייכן, כ'זאָל נעמען דאָס וואַליזקעלע און מיר האָבן פאַרלאָזט דעם לאָקאַל. מיר האָבן אַדורכגעשניטן דעם אַלעקסאַנדער־פּלאַץ, צוגעקומען צו אַ סטאַנציע פון טאַקסיס און איינגעשטיגן אין איינער. ער האָט אָנגערופן עפּעס אַ גאַס און דער אויטאָ האָט גערירט פון אָרט.

איך האָב נישט געצווייפלט מער, אַז כ'האָב פיבער, אַזוי האָט עס מיט מיר געטרייסלט. די טאַקסי איז געפאָרן איבער אומבאַקאַנטע גאַסן, פון צייט צו צייט, זיך אָפּגעשטעלט, כדי אַדורכצולאָזן אַן אויטאָ און באַלד דערנאָך ווידער אָנגעהויבן פאָרן.

פעליקס האָט אויפגעעפנט דאָס וואַליזקעלע, אַרויסגענומען פון דאָרט צוויי פאָר הענטשקעס, מיר דערלאַנגט אַ פּאָר און אַ זאָג געטאָן:

— טו אָן.

בעתן אָנטאָן די הענטשקעס האָב איך געפילט, אַז עס שטיקט מיך אין האַלדז. אויף אַ מאָמענט איז מיר אפילו

אַדורך אַ געדאַנק אַרויסצושפּרינגען פון דער טאַקסי, לאָזן פעליקסן מיט זיין וואַליזקעלע, מיט זיין קאַסע, וועלכע ער האָט זיך געקליבן אויסצולייזיקן, מיט אַלע זיינע גוטע זאַכן און צוזאָגן. נאָר כ׳האָב מיך נישט געפילט בכוח צו מאַכן דעם מינדסטן זשעסט.

די טאַקסי האָט זיך ענדלעך אָפּגעשטעלט. מיר האָבן זיך געפונען אין אַ גאָרטנדיקער טייל פון דער שטאָט. די היי־זער, וואָס זענען דאָ געשטאַנען, זענען געווען קליינע פּאַ־לאַצן, אַרומגענומען מיט גערטנדלעך און אָפּגעצוימט איינס פון דאָס אַנדערע.

נאָכן אָפּפאָרן פון דער טאַקסי האָט אויך פעליקס אַרויפגע־צויגן אויף זיך די הענטשקעס. אַ פּאָר מינוט זענען מיר געגאַנגען שווייגנדיק. לסוף האָט ער זיך אָפּגעשטעלט ביי אַן אייזערנעם טויער. פון דער טיף האָט אַרויסגעקוקט אַ סילועט פון אַ נישט הויכער אָבער סאָלידער געביידע. פע־ליקס האָט זיך אַרומגעקוקט, ווי דעצידירט אויף עפּעס. די גאַס איז געווען ליידיק. די לאָמפּן האָבן שוואַך באַלויכטן די אַרומיקע טראָטואַרן. אַלץ איז געווען פאַרזונקען אין טונקלקייט.

דאָס שטיין ווי נישט דעצידירט האָט געדויערט איין מי־נוט סך־הכל און אפשר ווייניקער. פעליקס האָט אַרויסבאַ־קומען פון זיינס אַ טאַש עטלעכע שליסלען. ער האָט פּראָ־בירט דעם ערשטן און ביים צווייטן שליסל האָט זיך דער שלאָס איבערגעדרייט און דער אייזערנער טויער האָט זיך פּאַמעלעך און שטיל געעפנט. נישט אַרויסריידנדיק קיין וואָרט, האָט ער מיך אַ צי געטאָן צו זיך, אַדורכגעשטופּט דורך דער טיר, אַליין אַריין און לאַנגזאַם זי צוגעלענט.

ער איז געשטאַנען אַ ווײַלע און זיך איינגעהערט אין דער הערשנדיקער שטילקייט. דערנאָך האָט ער מיך אָנגע־

נומען ביי דער האַנט און אָנגעהויבן גיין זייער פּאַמעלעך. מיין האַרץ האָט געקלאַפּט ביז צום אַרויסשפּרינגען. כ׳האָב מיך באַמיט צו באַרויקן, זיך צו באַהערשן, נאָר ס׳איז געווען אומזיסט.

מיר זענען אַדורך דעם קליינעם שטח, וואָס האָט אָפּגעטיילט דאָס הויז פונעם דרויסנדיקן צוים און שטיין געבליבן ביי דער מויער. פעליקס האָט גענומען פון מיר דאָס וואַליזקעלע, פּאַמעלעך עס אַוועקגעלייגט אויף דער ערד, אויפגעעפנט און אין דער פינצטער אויסגעזוכט אַן עלעקטרישן לאָמפּ, וואָס ער האָט אָנגעצונדן, אַזוי, אַז די ליכט זאָל פאַלן אויפן דיל און אים מיר דערלאַנגט, אָנזאָגנדיק זייער שטיל, כ׳זאָל לייכטן אַראָפּ.

מיר האָבן אָנגעהייבן אַרומגיין דאָס הויז און זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ זייטיקער טיר. ער האָט זי פּראָבירט צו עפענען מיט שליסלען, וועלכע ער האָט געהאַט אין האַנט, נאָר זי האָט נישט נאָכגעגעבן. ער האָט פּראָבירט מיט אַנדערע שליסלען, און זיי דערנאָך מיר געגעבן צו האַלטן, באַלד זיי צוריק גענומען און ווידער עפּעס געגעבן צו האַלטן. כ׳בין געווען ווי אין אַ טראַנס. איין געדאַנק האָט מיך באַשעפטיקט: „וועט עס אַדורך בשלום אָדער מיר וועלן האָבן אַ וויסטן סוף?״.

ענדלעך האָט די טיר נאָכגעגעבן.

מיר האָבן זיך געפונען אין אַ ברייטן קאָרידאָר, וואָס האָט געפירט אין די אינווייניקסטע אַפּאַרטאַמענטן. ביי מיין גאַנצער צעטומלטקייט, האָב איך געזען, אַז מיר געפינען זיך אין זייער אַ רייכער וווינונג. מיר זענען געגאַנגען איבער דיקע טעפּעכער. איילבילדער אין גאָלדענע ראַמען האָבן באַצירט די ווענט. אַרום איז געווען צעשטעלט זעלטן שיין, אָריגינעל מעבל און קרישטאָל, וואָס האָט געפינקלט, אַרונ־

טערפּאַלנדיק אונטער דער ליכט פון דעם עלעקטרישן לאָמפּ. מיט אַ מאָל האָבן מיר זיך געפונען אין אַ גרויסן קאַבינעט. דאָ האָט זיך פעליקס אָפּגעשטעלט אין אַ ווינקל. דאָס ליכט פון מיין לאָמפּ איז געפאַלן אויף אַן אייזערנער קאַסע, וואָס איז דאָ געשטאַנען. פעליקס האָט אַ ווילע זיך צוגעהערט צו דער שטילקייט, וואָס האָט געהערשט אין הויז, און גלייך זיך אַ נעם געטאָן צו דער אייזערנער שאַנק. ער האָט פּראָבירט איניקע שליסלען, איבערגערוקט געוויסע דרויסנדיקע רעדלעך פון איר מעכאַניזם. אין דער שטילקייט האָב איך אים געהערט ציילן, „איינס, צוויי, דריי, איינס, צוויי, דריי, פיר" און ווידער אַ מאָל: „איינס, צוויי, דריי". ער האָט מאַניפּולירט דעם מעכאַניזם מיט אַן אויסערגעוויינטלעכער געשיקטקייט און קאַלטבלוטיקייט. עפּעס האָט אַ לייכטן קלאַפּ געטאָן און צו מיין גרויסער שטוינונג האָב איך געזען, ווי די טיר פון דער קאַסע עפנט זיך. דערזען דאָרט די פּעקלעך געלט־אַסיגנאַציעס, האָב איך געפילט אַז די פיס ברעכן זיך מיר אונטער. פעליקס האָט נישט פאַרלוירן קיין שום אויגנבליק; ער האָט אָנגעהויבן אַרויסנעמען די פּעקלעך און זיי אַריינלייגן אין וואַליזקעלע. כ'בין געשטאַנען און ווי אַ פאַרכישופטער געקוקט אויף דעם אוצר. אָבער פּלוצעם האָב איך הינטער מיר, פון דער טיף פונעם צימער דערהערט אַ שטימע, פון וועלכער דאָס בלוט האָט אַ גליווער געטאָן אין מיינע אָדערן:

— די הענט אין דער הייך!

כ'האָב דערפילט, אַז מיר פעלט אויס אָטעם און האַסטיק מיך אויסגעדרייט אין דער זייט פון וואַנען די שטימע איז געקומען.

אָפּגערוקט אַ פינף־זעקס מעטער איז אין אַ טיר געשטאַנען האַלב אויסגעטאָן אַ הויכער מאַן. אין איין האַנט האָט

ער געהאַלטן אַ לייכטער מיט אַן אָנגעצונדן ליכט און אין זיין רעכטער האַנט אַ רעוואָלווער.

האַלב טויט האָב איך מיך אַ קער געטאָן צו פעליקסן און צו מיין גרויסער איבערראַשונג דערזען, אַז ער איז נישטאָ מער אין צימער, אַז ער איז נעלם געוואָרן.

— די הענט אין דער הייך — האָט אַ דונער געטאָן דער הויכער מאַן און אויסגעצויגן צו מיר זיין האַנט מיטן רע־וואָלווער.

כ׳האָב געזען, אַז כ׳בין פאַרלוירן, אַריינגעפאַלן ווי אַ מייזל אין דער שטייג. געפילט, אַז די כוחות פאַרלאָזן מיך גענומען אויפהייבן מיינע מיט געציט באַלאָדענע הענט.

אין דעם אויגנבליק האָט עס רעכטס נעבן מיר, ממש ווי פון מיין אייגענער האַנט אַרויס, אַ געוואַלדיקן קנאַל גע־געבן, ווי אויסגעשאָסן פון אַ רעוואָלווער.

דער הויכער מאַן האָט זיך אַ וואַקל געטאָן און אַ שווערער קרעכץ האָט זיך אַרויסגעריסן פון זיין האַלדז. ער האָט פּראָ־בירט זיך אָנכאַפּן ביי אַ פּאָטעל, וואָס איז געשטאַנען נעבן אים, נאָר, ווייזט אויס, שוין נישט געקאָנט מאַכן די באַ־וועגונג. דאָס ליכט מיטן לייכטער זענען אַרויסגעפאַלן פון זיין האַנט און פאַרלאָשן געוואָרן. און ער אַליין איז אומגע־פאַלן און געבליבן ליגן אָן באַוועגונג, מיטן פּנים צו דער ערד.

אין צימער האָט געהערשט אַ טיפע שטילקייט. כ׳בין גע־שטאַנען מיט דעם עלעקטרישן לאָמפּ און מורא געהאַט צו מאַכן אַ וועלכע ס׳איז באַוועגונג, פילנדיק, אַז כ׳בין אַדורכ־געווייקט פון אַ קאַלטן שוויס. פּלוצעם האָב איך מיט איבער־ראַשונג דערזען, אַז אין מיין רעכטער האַנט האָב איך גע־האַלטן אַ רעוואָלווער.

אַ רעוואָלווער אין מיין האַנט?


Benn

דער רעוואָלווער, וואָס זאָל האָבן אויסגעשאָסן? ווי אַזוי איז עס מעגלעך געווען, כ׳זאָל איבערנעמען פון פעליקסן אַזאַ קעגנשטאַנד, נישט האָבנדיק באַמערקט וואָס דאָס איז?

האָב איך מיך טאַקע אַזוי ווייט פאַרלוירן? מיט אַ מאָל האָב איך דערזען דעם אָפגרונט, אין וועלכן כ׳בין אַריינגעזונקען: כ׳בין נישט נאָר אַן אָנטיילנעמער אין אַ גנבה, נאָר אויך אַ מערדער.

כ׳האָב אַ פיר געטאָן דאָס לעמפל צום אָרט, ווו עס האָט זיך געדאַרפט געפינען דאָס וואַליזקעלע, אָבער ס׳איז נעלם געוואָרן צוזאַמען מיט פעליקסן. כ׳האָב נאָך קלאָרער דערפילט די טראַגישע סיטואַציע, אין וועלכער איך געפין מיך: ער איז אַוועק מיטן געלט און איך געפין מיך דאָ, אַליין מיטן דערשאָסענעם און קאָן יעדע מינוט אַנטדעקט ווערן. ווי משוגע האָב איך אָנגעהויבן זוכן דעם וועג צום אַרויסגאַנג, מיך טועה געווען מיט די טירן, געלאָפן איבער די צימערן, ביז איך האָב מיך ענדלעך אַרויסגעקראָגן אין דרויסן. איך האָב געטראַכט וועגן רעוואָלווער, וואָס כ׳האָב נאָך אַלץ געהאַלטן אין דער האַנט און געזוכט ווי אַזוי פון אים פטור צו ווערן. כ׳האָב מיך האַסטיק אַראָפּגעבויגן צו דער ערד און אים מיט עקל אַוועקגעלייגט. באַפרייענדיק זיך פון דער כלי, וואָס פעליקס האָט מיר אויף אַזאַ אומדערהערטן אופן געגעבן אין האַנט אַריין אַן דעם איך זאָל עס האָבן באַמערקט, האָב איך אַ ביסל לייכטער אָפּגעעטעמט. כ׳בין צו צום אייזערנעם טויער; ער איז געווען אָפן און אין אַ סעקונדע אַרום בין איך געווען אין דרויסן.

די גאַס איז פונקט ווי פריער געווען ליידיק און פאַרזונקען אין אַ טיפער שטילקייט. נישט פאַרלירנדיק קיין איין אויגנבליק, האָב איך אָנגעהויבן גיין מיט האַסטיקע טריט, ממש געלאָפן און אַריין אין דער ערשטער זייטיקער גאַס, אויף

װעלכער כ׳האָב אָנגעטראָפֿן און פֿון יענער װידער אַרײַן אין אַן אַנדערער. כ׳בין געװען באַהערשט פֿון אַ געװאַלדיקן װילן צו זײַן װאָס װײַטער פֿון דעם שרעקלעכן אָרט און געאײַלט איבער אומבאַקאַנטע גאַסן, נישט װיסנדיק אַלײן, װוּ איך גע־פֿין מיך.

ס׳איז שױן געװען דרײַ אַ זײגער פֿאַר טאָג, װען כ׳האָב אָנגעהױבן צו דערקענען די גאַסן, איבער װעלכע כ׳בין געגאַנגען און מיך פֿאַרנומען צו זיך. פֿון אַזױ פֿיל גײן, אָנ־שטרענגונג און נערװאָזיטעט האָב איך געפֿילט, אַז די כּו־חות פֿאַרלאָזן מיך. אַלץ אין מיר האָט געבעטן רו. כ׳האָב געמאַכט די גרעסטע אָנשטרענגונג כ׳זאָל זיך נישט צו־זאַמענברעכן.

אַז כ׳בין ענדלעך אָנגעקומען אין מײַן צימערל, װאָס האָט זיך געפֿונען אױף אַ פֿערטן שטאָק, איז שױן געװען נישקשה־דיק ליכטיק. דער הימל אַ בלױלעכער, איז געװען רײן און אָנגעזאָגט דאָס אָנקומען פֿון אַ פֿרישן הײסן טאָג.

פֿון מידקײט האָב איך מיך אַ װאָרף געטאָן אין די קלײ־דער אױפֿן בעט אַרױף און מיטן פּנים צו דער װאַנט, גע־בליבן אומבאַװעגלעך. כ׳האָב געהאַפּט, געבעטן אױף אַ ביסל שלאָף, נאָר ער איז נישט געקומען.

מיט אַ געװאַלדיקער קלאָרקײט האָב איך געזען פֿאַר מיר אַלץ, װאָס איז מיט מיר געשען פֿאַר די לעצטע שעהען; איך האָב געזען פֿאַר מיר דעם פֿײַן־אָפּראַזירטן, עלעגאַנטן פּע־ליקס, װאָס רעדט צו מיר װעגן זיך און זײַן פּראָפֿעסיע. כ׳האָב מיך געזען מיט אים אין רעסטאָראַן. כ׳האָב אים געזען בײַם עפֿענען די קאַסע און דערנאָך געהערט די שטימע, װאָס האָט באַפֿױלן אױפֿצוהײבן די הענט. כ׳הער דעם רע־װאָלװער־שאָס און זע, װי דער הױכער מאַן װאַקלט זיך און פֿאַלט אום מיטן פּנים אַראָפּ.

'ווי איז מיר, ווי איז מיר", האָב איך מיך נישט געקאָנט אָפּהאַלטן פון אויסקרעכצן אויפן קול. מאָמענטנווייז האָב איך געהאַט אַ פאַרלאַנג צו שלאָגן קאָפּ אין וואַנט. כ'האָב גע־פילט אַ כעס און אַ פאַראַכטונג צו זיך אַליין פאַרן נישט האָבן געהאַט גענוג כוח זיך אַנטקעגנצושטעלן דעם פאַר־שוין, וואָס האָט מיך מיט זיין שמייכל, באַצאָלטן אָנבייסן און געלט־אַסיגנאַציע צוגעפירט צו דעם אומגליק און ווי־דער האָב איך פאַר מיר געזען יענעם מענטשן, וואָס ליגט נאָך אפשר דאָרט אויפן דיל, מסתמא שוין אַ קאַלטער, אַ שטייפער. ווער איז ער? וואָס איז דאָס געווען פאַר אַ מענטש? כ'האָב געפילט, אַז טרערן שטיקן מיך. און ווי־דער האָב איך געזען דעם אויסגעפּוצטן פעליקס, דאָס מאָל געזען ווי ער ציילט פון וואַליזקעלע אַרויס די געגזלטע אַסיגנאַציעס און רייכערט דערביי מיט צופרידנהייט אַ גוטן ציגאַר. וווּ איז ער ערגעץ? מיין אַדרעס האָב איך אים געגעבן, אָבער ער האָט זיין וווינונג מיר נישט אָנגעגעבן. ער האָט געהאַנדלט פּאַרזיכטיק. ער ווייסט די קונץ פון בלייבן אין שאָטן. דאָס האָב איך זיך אים אַזוי לייכטזיניק איבערגעגעבן, געזאָגט מיין אַדרעס, אַזוי נאַאיוו געגלייבט זיינע רייד, אַז „עס איז הונדערט פּראָצענט זיכער" און איצט געפין איך מיך אין אַזאַ לאַגע.

אין צימער איז שוין געווען ליכטיק. פון דרויסן האָט זיך אָנגעהויבן הערן דער גערויש פון פאַרבייפאָרנדיקע טראַמ־ווייען; הייסט עס, אַז עס איז שוין נאָך זעקס אַ זייגער. וועל איך קאָנען איינשלאָפן, כדי כאָטש אויף קורצע מינוטן פאַרגעסן אין מיין אומגליק? כ'האָב פאַרמאַכט די אויגן און געוואַרט אויפן שלאָף. ס'איז געווען אומזיסט.

וואָס הייבט מען אָן צו טאָן? פּראָבירן אויפזוכן פעליקסן? אפשר וועל איך אים טרעפן אין יענעם לאָקאַל אויפן אַלעק־

סאַנדער־פּלאַץ? ביים דאָזיקן געדאַנק האָב איך ביטער געלאַכט פון מיר אַליין, וואָרעם נאָר אין מיין נאַאיווקייט האָב איך אויף איין אויגנבליק געקאָנט צולאָזן דעם געדאַנק, אַז ער וועט זיך איינשטעלן אַריינצוקומען דאָרט, ווו ער קאָן מיך טרעפן; פאַרקערט, ער וועט אומבאַדינגט זוכן מיך אויסצומיידן. ער דאַרף מיך שוין נישט... איצט קאָן איך פאַר אים זיין אַ שטער, אַ געפאַר. דאָס געלט, וואָס ער האָט געזוכט, האָט ער דאָך סיי ווי סיי, איז וואָס דאַרף ער מער? בפרט אַז עס האָט זיך געענדיקט אַ סך טרויעריקער ווי מיט אַ גנבה.

כ׳בין אַראָפּ פון געלעגער, געשפּאַנט איבערן צימער און גערעדט צו מיר אַליין:

— אַ גנבה און אַ מאָרד! אַ גנבה און אַ מאָרד! ער דער גנב און איך דער מערדער! ער האָט אַלץ און איך גאָר־נישט! כ׳וועל נישט באַקומען אפילו קיין פּרוטה — און כ׳האָב אָנגעהויבן ווילד צו לאַכן. משמעות, איך האָב גע־פילט אַז איך גיי אַראָפּ פון זינען. וואָס טוט מען, וואָס טוט מען?

אין דרויסן האָט אַ נאָענטער קירכע־זייגער אויסגעשלאָגן זיבן מאָל.

כ׳בין צו צום קאַלטן וואַסער, אונטערגעשטעלט דעם קאָפּ מיינעם און עס געלאָזט פליסן אויף זיך, פילנדיק, אַז עס פרישט מיך אויף און באַרואיקט. כ׳האָב מיך אַ ביסל אין „אָרדענונג״ געבערענגט און מיך געקליבן אַראָפּצוגיין אויף דער גאַס. אָבער אין דעם אויגנבליק, האָב איך געהאַט דעם איינדרוק אַז עמעצער פּראָבירט שליסן מיין טיר און דערפילט אַז דער אָטעם שטעלט זיך מיר אָפּ. כ׳האָב אַ צאַפּל געטאָן מיטן גאַנצן לייב, געבליבן אָן באַוועגונג און אָנגעשפּאַרט איז דער וואַנט, געקוקט אויפן שלאָס פון דער טיר.

האָט זיך עס מיר אויסגעדוכט?

ניין! וואָרעם באַלד האָב איך ווידער דערהערט אַ לייכטן שטילן פּרווו צו עפענען מיין טיר און ווידער איז אַלץ שטיל געוואָרן.

„ווער זאָל עס זיין?", האָט עס מיך געטרייסלט. „ווער פּראָבירט עפענען מיין טיר", אַז „קיין קאָסעס מיט געלט וועט מען ביי מיר נישט געפינען...", האָב איך ביטער גע־טראַכט. ווער קאָן דאָס זיין? ווער? ווער?

אין דעם מאָמענט האָב איך דייטלעך געהערט אָנקלאַפּן אין דער טיר. איין קלאַפּ, נאָך אַ קלאַפּ און אַ דריטער קלאַפּ. מער האָב איך מיך נישט געקאָנט אָפּהאַלטן. כ'בין צו צו דער טיר, האַסטיק אויפגעשלאָסן און זי געגעבן אַ פּראַל אויף.

אין דער טיר איז געשטאַנען פּעליקס. דער זעלבער וואָס נעכטן. אַ שמייכלדיקער, אַ פיין אָפּראַזירטער, מיט זיין שמעקנדיקן ציגאַר אין פּיסק. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ העל־גרויען ספּאָרט־אנצוג. אַ פּרעכטיק בלוי־זיידענער קראַוואַט האָט עלעגאַנט אַרויסגעשיינט פון זיין נאַר וואָס אָנגעטאָענעם שניי־ווייסן קאָלנער.

פון איבערראַשונג האָב איך אַ שפּרונג אָפּ געגעבן. ניין! דערויף האָב איך מיך שוין גאָרנישט געריכט. ס'איז געווען איבער מיינע כוחות צו זען אים איצט, אַ שמייכלדיקן, ווי ער וואָלט געווען גאָט די נשמה שולדיק. כ'האָב אויסגע־שטרעקט מיינע הענט, ווי זיך צו פאַרשטעלן פאַר אים. כ'בין געווען אויפגעטרייסלט ביז די טיפסטע קעמערלעך פון מיין איך. רעדער זענען געלאָפן פאַר מיינע אויגן און טראָץ מיין פּרווון זיך צו באַהערשן, בין איך אויסגעבראָכן מיט אַ שווערן, ספּאַזמאַטישן געוויין.

— רואיק, רואיק, מיין ליבער, באַרואיק דיך — איז פּע־

ליקס צוגעשטאַנען צו מיר און מיך אַרומגענומען ממש ווי אַ ברודער — פאַר וואָס אַזאַ געוויין? צוליב וואָס אַזאַ דראַמע?

— צוליב וואָס אַזאַ דראַמע? — האָב איך קוים געקאָנט אַרויסריידן — פאַר איך איז עס נישט קיין דראַמע, אָבער פאַר יענעם, פאַר דעם אומגעברענגטן!

— וואָס פאַר אַן אומגעברענגטן? — קוקט ער מיך אָן און אַ מאָדנע ציניש שמייכעלע צעגיסט זיך איבער זיין פנים.

— אוודאי, מיך האָט איר איבערגעלאָזט אַליין מיט יענעם מאַן, אַריינלייגנדיק אין מיין האַנט געווער. איך האָב דער־הרגעט אַ מענטשן, איך האָב, איך האָב...

כ׳האָב מיט אַ מאָל איבערגעריסן מיינע רייד; נישט נאָר וואָס ער האָט ביי מיינע ווערטער נישט אויפגעהערט צו שמייכלען, נאָר זיין שמייכל איז אַריבער אין אַן אויסטער־ליש געלעכטער, וואָס האָט אים אַלץ שטאַרקער אָנגעהויבן צו טרייסלען. ממש אים געשטיקט. פון לאַכן האָבן זיך טרערן באַוויזן אין זיינע אויגן. כ׳האָב אויפגעהערט צו פאַר־שטיין, וואָס דאָ געשעט.

— איר לאַכט?

ער האָט נישט געענטפערט און פון כסדרדיקן לאַכן זיך געבויגן אין דרייען.

כ׳האָב געקוקט אויף דעם מענטשן און מיך געפרעגט, ווער פון אונדזביידן איז חסר דעה?

אַ פאַר מאָל האָט ער פּראָבירט צו ריידן און יעדעס מאָל געוועזן געשטערט פון אַ נייעם געלעכטער־אויסבראָך. ענד־לעך האָט ער זיך באַרואיקט און קלאַפּנדיק מיר אין דער פּלייצע אַ זאָג געטאָן:

— ס׳איז וווּנדערבאַר! די שפּיל איז געלונגען אויף גאַנצע

הונדערט פּראָצענט. זי איז געלונגען אַ סך בעסער, ווי איך האָב עס מיר פאָרגעשטעלט.

— וואָס פאַר אַ שפּיל?

— די וואָס כ׳האָב מיט דיר נעכטן פאַרפירט.

זעענדיק מיין שטוינען, מיין נישט־פאַרשטיין זיינע רייד, האָט ער אויפגעקלערט:

— כ׳מיין די שפּיל אין גנבה, אין קאַסע־איינברעכעריי.

— וואָס מיינט איר דערמיט צו זאָגן?

— כ׳מיין די גנבה, וועלכע מיר האָבן נעכטן אַדורכגעפירט — האָט ער נישט אויפגעהערט צו לאַכן — זאָלסט וויסן, מיין ליבער, אַז די „אָפּעראַציע" האָבן מיר אַדורכגעפירט אין מיין אייגענער וווינונג. אין מיין אייגן הויז. אין מיין אייגענער קאַסע. דאָס געלט איז געווען מיין אייגן געלט!

כ׳האָב געוואָלט עפּעס זאָגן, פרעגן, נאָר כ׳האָב פאַרלוירן דאָס לשון און נישט געקאָנט אַרויסברענגען פון זיך קיין וואָרט. ענדלעך האָב איך אַרויסגערעדט:

— אָבער דער מאַן, וועמען איך האָב...

— אָ, דער מאַן... האָט ער איבערגעשלאָגן מיינע רייד לאַכנדיק כסדר, — קאָנסט זיין רואיק. האָסט קיינעם נישט דערהרגעט... קיינעם נישט! דאָס איז געווען אַ קאָמעדיע, גוט צוגעגרייט, גוט איינשטודירט און גלענצנדיק אויסגעפירט...

ס׳איז מיר געווען שווער צו באַגרייפן זיינע רייד. ס׳איז געווען אַזוי איבעררעשנדיק אומגלויבלעך, אַז מיר האָט זיך געדוכט, איך חלום.

— איז דאָס, וואָס איז מיט מיר נעכטן געשען, נישט קיין אמת? — האָב איך אים איבערגעפרעגט, אָנכאַפּנדיק זיינס

אַ האַנט און מורא געהאַט, אַז דער גוטער חלום זאָל נישט אַוועק.

— אַלץ וואָס איז מיט דיר נעכטן געשען איז געווען אַ קאָמעדיע. אַ קאָמעדיע! — האָט ער אויף צו באַרואיקן מיך, נאָך אַ מאָל באַשטעטיקט — דאָס איבעריקע וועל איך דיר דערציילן און אויפקלערן ביים אָנבייסן אין דער קאַפע, אין וועלכער מיר גייען אַראָפּ.

כ'האָב געהאַט דאָס געפיל, אַז כ'גיי אַראָפּ פון זינען. עס האָט זיך מיר פאַרנומען אויף וויינען און לאַכן. נאָך די אי־בערגעלעבטע שעהען איז עס געווען אַזוי אויסטערליש־אומ־גלויבלעך צו הערן, אַז די שוידערלעך־דורגעלעבטע נאַכט איז גאָר געווען בלויז אַ שפיל איבער מיר. אַ שפיל וועמענס זין איז מיר אין גאַנצן געווען אומפאַרשטענדלעך און דאָך, טראָץ דער אויסטערלישקייט האָט אַ מאָדנע גוט געפיל זיך צעגאָסן איבער מיין לייב און אַזוי אָנגענעם אָנגעהויבן צו שטראָמען אין אַלע קעמערלעך אַריין.

פון די שטיגן בין איך נישט אַראָפּגעגאַנגען נאָר אַראָפּ־געפלויגן. עס איז מיר געוואָרן אַזוי וווּנדערבאַר לייכט אויף דער נשמה און ליכטיק אין די אויגן. די אָנגעשטרענגטקייט פון נעכטיקן טאָג, די שלאָפלאָזע נאַכט, דער גאַנצער קאָש־מאַר האָט זיך מיט אַ מאָל ערגעץ אָפּגעטראָגן פון מיר. אין דרויסן איז דער הימל געווען יום־טובדיק און די גאַס וווּנ־דערלעך שיין.

ביים אָנבייסן אין דער קאַפע האָט ער מיר דערציילט:

— כ'האָב דיר נעכטן געזאָגט, אַז דו דרייסט זיך אַרום ליידיק, ווייל דו האָסט נישט קיין אַרבעט און אַז איך דריי מיך אַרום ליידיק, ווייל איך דאַרף נישט אַרבעטן; דאָס איז דער פולער אמת. זאָלסט וויסן, אַז איך בין רייך. כ'בין זייער, זייער רייך און פון צו פיל פרייע צייט טרעפט, אַז עס ווערט

מיר לאַנגווייליק. פונקט אין אַזאַ מאָמענט האָבן מיר זיך נעכטן באַגעגנט. הערנדיק פון דיר וועגן דיין מצב, האָב איך געטראַכט דיר צו העלפן, נאָר ווי אַזוי האָב איך נאָך אַליין נישט געוווּסט און פּלוצעם איז מיר איינגעפאַלן דער געדאַנק זיך אַ ביסל צו פאַרווײַלן דורך דיר, אַ סוף מאַכן, זאָל זיין אפילו אויף אַ קורצער צייט, צו דער לאַנגווייליקייט מיינער. אַזוי איז געבוירן געוואָרן די גאַנצע מעשה וועגן מיין פּראָפעסיע און „אָפּעראַציע״, צו וועלכער איך גרייט מיך כלומרשט אין אָוונט... בעת דו ביסט צווויי אַ זייגער געקומען אויפן אַלעקסאַנדער־פּלאַץ, איז דער גאַנצער פּלאַן שוין גע־ווען געענוי אויסגעאַרבעט מיט דער הילף פון מיינעם אַ פריינד. דאָס איז טאַקע געווען דער, וועלכן דו האָסט דערזען מיטן ליכט אין האַנט און אויף וועלכן דו האָסט געגלייבט, אַז דו האָסט אים געפּטרט... אין רעסטאָראַן, אַז כ׳האָב מיך דערוווּסט פון דיר, אַז דו ביסט אַ פּאָליטיש־אַנטלאָפענער און אַז דו ליידסט פאַר דיין אידעאַל, פאַרן וועלן האָבן אַ יושרדיקע וועלט־אָרדענונג, בין איך געווען ביז גאָר צו־פרידן פון מיין איינפאַל און כ׳בין געווען נייגעריק צו וויסן דעם סוף פון דער אונטערנעמונג מיינער... שוין לאַנג, אַז כבין נישט געווען אַזוי באַשעפטיקט און געשפּאַנט ווי מיט דיר. פאַר דיין איבערלעבונג און שרעק, וואָס כ׳האָב דיר פאַרשאַפט, האָסטו כשר פאַרדינט דעם צוגעזאָגטן דריי חדר־שים־לוין... נאָר, מיין ליבער, האָב נישט פאַראיבל אויף מיינע רייד: האָסט נישט אויסגעהאַלטן דעם נסיון, פאַר וועלכן דו ביסט געשטעלט געוואָרן... איך וואַרף עס דיר נישט פאָר... און באַשולדיק דיך אויך נישט. חלילה, איך ווייס, איך האָב געזען וויפל דו האָסט געליטן. אַז דאָס האָט בויט דיך אַרויפגעשטופּט אויף דעם וועג פון פאַרבינדן זיך, ווי דו האָסט עס געגלייבט, מיט אַ גנב, מיט אַ קאַסע־איינ־ברעכער... אַזוי איז עס אין לעבן; די לעבנס־באַדינגונגען

צעברעכן אַ סך מאָל מענטשן, וואָס וואָלטן רואיק געגאַנגען מיט אַ גלייכן, ערלעכן וועג און נישט יעדער איז בכוח זיך אַנטקעגנצושטעלן.

כ׳האָב איבערגעריסן דאָס עסן. כ׳בין געווען פאַרשעמט און נישט דערוועגט צו קוקן פעליקסן אין די אויגן אַריין.

— — — — — — — — — — — — — —

אַזוי האָט זיך געענדיקט די באַקאַנטשאַפט, וואָס האָט געדויערט נאָר פיר און צוואַנציק שעה. עס איז נישט וויכ־טיק ווי אַזוי מיר האָבן זיך צעשיידט; וויכטיק און אינטערעסאַנט איז די איבערגעלעבטע אויסטערלישע גע־שעעניש, וואָס איז איינגעקריצט אין מיין געמיט אויפן גאַנצן לעבן און איר פאַרשטייט שוין איצט, פאַר וואָס איך האָב די איבערלעבעניש דרייסיק יאָר אַרומגעטראָגן אין זיך, נישט געקאָנט זי פאַר קיינעם דערציילן און איין גאָט ווייסט, פאַר וואָס איצט האָב איך עס יאָ געטאָן.

פּאַריז, 1956.

„דער צענטער צום מנין"

איר גלייבט אין אַ לעבן נאָכן טויט?...

איך מיין דערמיט צו זאָגן אַז... געשטאָרבענע זענען נישט פולשטענדיק פאַרשוואונדן פון אונדזער אַרום... אַז זיי זענען פאַראַן צווישן אונדז; דרייען זיך אַרום צווישן די לעבע־דיקע און באַווייזן זיך אַ מאָל אין אונדזער געזעלשאַפט... קומען מיט אונדז אין קאָנטאַקט! זיי באַוועגן אונדז אפילו צו געוויסע האַנדלונגען און מיר כאַפּן זיך גאָרנישט, וועמען מיר האָבן געהאַט פאַר זיך.. מיט וועמען מיר האָבן געהאַט צו טאָן! איר גלייבט נישט?

איך זע, אַז איר שמייכלט. אַז איר נעמט מיינע ווערטער פאַר נישט ערנסט, פאַר אַ שטיפעריי. איך זע אויך, אַז איר פאָרשט מיין פּנים, מיין אופן פון ריידן, צי איר האָט נישט אַ מאָל פאַר זיך אַ מענטשן, וואָס איז חלילה נישט מיט אַלעם, איינעם פון די, וואָס האַלטן זיך „ווי מען דאַרף" ריידן, דוכט זיך, צו דער זאַך און פאָרט זיינען זיי נישט ביי די קלאָרע געדאַנקען. אָ, איך זע אייער אופן קוקן אויף מיר, נאָר כ'האָב צו אייך חלילה נישט קיין טענה, וואָרעם גאָר נישט לאַנג צוריק, וואָלט איך פונקט ווי איר אויך אַזוי געקוקט אויף אַ מענטשן, וואָס וואָלט מיר פּראָבירט דער־

ציילן אַ מעשה, אַז געשטאָרבענע לעבן! כ׳וואָלט אים גלייך חושד געווען אין דעם, אין וואָס איר זענט טאָקע חושד מיך.

אָבער איצט, פון זינט ס׳איז מיט מיר געשען דאָס וואָס איז געשען, האָב איך אין גאַנצן געביטן מיין מיינונג; איך ווייס, אַז טויטע לעבן... פירן אַ באַשטימטע עקסיסטענץ... באַוועגן זיך צווישן אונדז, אַרום אונדז, טוען עפּעס!...

אוודאי פירן זיי אַן אַנדערע עקסיסטענץ ווי מיר לעבע־דיקע, אָבער אַז זיי זענען פאַראַן נעבן אונדז און אַרום אונדז, וועגן דעם צווייפל איך נישט מער אויף קיין אויגנבליק און ווי קאָן דען ביי מיר זיין וועלכער ס׳איז צווייפל, ווען כ׳האָב עס אַליין איבערגעלעבט, געזען מיט מיינע אייגענע אויגן!

ווי דער אמת, פּראָביר איך כסדר איינרעדן מיר גופא, אַז דאָס וואָס איז מיט מיר געשען איז געווען עפּעס אַ קאָש־מאַרנער חלום. ליידער איז עס אָבער געווען אַ רעאַליטעט, איבעריקנס, כ׳האָב אפילו עדות, לעבעדיקע עדות, וואָס וועלן אייך באַשטעטיקן מיין איבערלעבעניש...

מיט אייניקע חדשים צוריק, אין חודש אַפּריל, אין די טעג פון קריסטלעכן פּסח, האָב איך וויזיטירט פריינד אין דער פראַנצייזישער פּראָווינץ אין עלזאַס און אין אַ פּאָר־נאַכט מיך געפונען אין קאָלמאַר ביי דער סאַמע באַן־ליניע, אַפּוואַרטנדיק דעם צוג, וואָס האָט אַ ליאַדע מינוט געדאַרפן אָנקומען, כדי אָפּצופאָרן קיין באַזעל, וווּ כ׳האָב געהאַט בדעה צו בלייבן אַ צוויי־דריי טעג.

איר קענט דאָס אַלטע קאָלמאַר? כ׳האָב געוווּסט, אַז עס איז אַן אינטערעסאַנט אָרט, אָבער ערשט לעצטנס אין די קריסטלעכע פּסח־טעג האָב איך די שטאָט באַזוכט צום ערשטן מאָל און געווען אַנטציקט פון אירע אַלטע געסלעך, וואָס האָבן פּרעכטיק קאָנסערווירט שיינע הייזער פון 15־טן און 16־טן יאָרהונדערט. אָפּט מאָל האָב איך געהאַט דעם איינדרוק,

אַז דאָס איז נישט מער ווי קינסטלעך־געשאַפּענע טעאַטער־דעקאָראַציעס. דאָס באַזוכן די שטאָט האָט מיך נישט אַנ־טוישט און פול מיט געהויבענער שטימונג, האָב איך אָפּ־געוואַרט דעם צוג, כדי בערך אין אַ שעה אַרום זאָל איך מיך שוין געפינען אין באַזעל.

כ׳האָב אַוועקגעשטעלט נעבן מיר מיין וואַליזקעלע און וואַרטנדיק, כסדר געזען פאַר מיינע אויגן די פאַרביקע רע־נעסאַנס־הייזער און אַלטע האָטעלן פון קאָלמאַר. אָבער פּלו־צעם האָב איך מיט אַלע מיינע חושים דערפילט, אַז נעבן מיר שטייט עמעצער און נאָך איידער כ׳האָב באַוויזן אַ קוק צו טאָן ווער דאָס איז, האָב איך דערפילט אַ לייכט באַרירן מיין פּלייצע. טראָץ דער לייכטקייט איז עפּעס אַזאַ אומ־היימלעכקייט געלעגן אין דער באַרירונג, אַז כ׳האָב כמעט אַ צאַפּל געטאָן און מיך האַסטיק אומגעקערט.

נעבן מיר איז געשטאַנען אַ ייד פון אַ יאָר... ניין, זיין על־טער קאָן איך מיר ביז היינט נישט קלאָר מאַכן; ער האָט געקאָנט אַלט זיין פערציק און אויך זעכציק יאָר. כ׳זאָג אַ ייד, ווייל אין דעם האָב איך בכלל נישט געהאַט קיין ספק. אַזאַ צער־פול יידיש פנים און זיינע אויגן... אוי, די אויגן! עס האָט פון זיי געטריפט אַזוי פיל ווייטיק, אַז כ׳האָב גע־פילט ווי עס נעמט מיך דורך און דורך. אָנגעטאָן איז ער געווען מאָדנע וואָס האָט אים אויסטערליש אונטערגעשיידט פון דער קליידונג וואָס מיר זענען געוווינט צו זען אַרום זיך; ער האָט געטראָגן זייער אַ לאַנגן ראָק, אויפן קאָפּ אַ הויכן הוט, וואָס האָט גיכער דערמאָנט אַ צילינדער און עפּעס אַזעלכע אַלטמאָדישע שטיוול אויף די פיס. אַ מאָמענט האָב איך מיך געוווּנדערט וואָס דער עולם אַרום, די פּאַסאַ־זשירן, וואָס האָבן אַזוי ווי איך אויך געוואַרט אויפן צוג, ווערן נישט אויפמערקזאַם אויף דעם מאָדנע אָנטאָן. אַ שאָד,

אַ גרויסער שאָד וואָס מיר האָבן נישט אונטער דער האַנט קיין ענציקלאָפּעדיע מיט בילדער פון קליידונג פון 18־טן יאָרהונדערט, בילדער פון עלזאַסער יידן מיט אַ קנאַפּע צוויי הונדערט יאָר צוריק... איצט ווייס איך, פאַר וואָס די פּאַסאַ־זשירן אַרום האָבן זיך נישט געוווּנדערט און זיך אפילו נישט אומגעקוקט אויף דעם אַזוי מאָדנע געקליידעטן מענטשן; אָבער פריער? האָט עס מיר דען געקאָנט איינפאַלן צו טראַכטן אפילו אויף אַן אויגנבליק, אַז דער עולם אַרום זעט אים אפילו נישט? אַז איך בין געווען דער איינציקער, וואָס האָט אים געזען!... אַך, איר שמייכלט שוין ווידער! איך פאַרשטיי איך. די רייד מיינע קלינגען אַזוי ווילד, אַז איר טראַכט ווידער אַ מאָל, אַז איר האָט פאַר זיך אַ חסר־דעה, אָבער הערט ווייטער!

אַז כ׳האָב מיך באַגעגנט מיט די בליקן פון דעם יידן, האָב איך איבערגעלעבט עפּעס אַזעלכעס, וואָס איך קאָן עס אייך אויף קיין פאַל נישט אָפּשילדערן, נישט איבערגעבן. איר האָט אפשר שוין געזען אַ מאָל אַ מענטשן וועמענס פּנים דריקט אויס אַ פּלוצעם דערפילטן ווייטיק און איר ווערט גערירט, אפילו אויפגעטרייסלט פון די אומגעריכט דער־זעענע ליידן; דאָס אומגעפער האָב איך איבערגעלעבט ביים באַגעגענען זיך מיט זיינע בליקן. פון פּנים און פון זיינע אויגן האָב איך אַראָפּגעלייענט אַזוי פיל צער און שרעק, אַז איך האָב דערפילט אַ קלעמונג ביים האַרצן. כ׳האָב געוואָלט אָוועקדרייען דעם קאָפּ אין אַ זייט, כדי אַ סוף צו מאַכן צו דעם גיהנום, וואָס כ׳האָב פּלוצעם אין מיר דערפילט, נאָר כ׳האָב עס אויף קיין פאַל נישט געקאָנט טאָן!... ווי מען וואָלט מיר אָפּגעטאָן אַ כישוף.

קוים, קוים, כ׳ווייס אַליין נישט מיט וואָס פאַר אַ כוח כ׳האָב מיך געקאָנט אָפּרופן צו דעם מענטשן:

— וואָס ווינטשט איר?

די טיפע קנייטשן פון זיין פּנים האָבן אַ ציטער געטאָן און נישט אַראָפּנעמענדיק פון מיר זיינע פאַרווייטיקטע בליקן, האָט ער שטיל, זייער שטיל אַרויסגערעדט:

— ס'פעלט אַ ייד צום מנין, ס'איז יאָרצייט!

כ'בין געווען ווייט, שוין זייער ווייט פון רעליגיעזן לעבן און נישט געטראַכט, פּשוט פאַרגעסן, אַז עס איז פאַראַן אַ גענוג גרויסע צאָל יידן, וואָס לעבן כסדר געטריי צו זייער אַלטן גאָט. אינטערעסאַנט, אַז אין דעם מאָמענט איז מיר אויפן געדאַנק אַרויפגעשווומען דאָס אַזוי פיל מאָל גע־הערטע, אַז די עלזאַסער יידן היטן אַ סך מער אָפּ יידישקייט ווי די יידן פון אַנדערע ערטער אין פראַנקרייך.

דערהערנדיק, אַז עס האַנדלט זיך וועגן אַ יאָרצייט, אַז עס פעלט צו אַ מנין אַ צענטער וועלכן מען איז געקומען זוכן אַזש ביי דער סאַמע באַן־ליניע, האָב איך מיך גלייך געוואָלט אָפּזאָגן דערפון, אָבער די אויגן פון דעם יידן, וואָס האָבן אַזוי מאָדנע אַריינגעבליקט אין מיר, האָבן צעבראָכן מיין ווילן זיך אַרויסצודרייען פון דעם אַזוי אומגעריכטן עניין.

— דער צוג, דער צוג קומט דאָך גלייך אָן... אין געציילטע מינוטן אַרום... ס'איז איצט זעקס אַ זייגער אָוונט און איך וויל, איך מוז... נאָך היינט זיין באַצייטנס אין באַזעל — האָב איך פּראָבירט אַפּעלירן צו די טראַגיש אומהיימלעכע בליקן פון דעם יידן, וואָס האָבן אַריינגעברענגט אַ צעררו־דערונג אין מיין מוח און אין האַרצן.

— וועסט זיין אין באַזעל — האָט דער ייד, דוצנדיק מיך, שטיל אַרויסגערעדט און זיין שטימע האָט אָפּגעגעבן פון זיך מיט עפּעס אַזאַ אומהיימלעכער זיכערקייט, וואָס האָט צו־נישט געמאַכט יעדן ווייטערדיקן פּרווו פון נישט פאָלגן אים.

— אָבער וווהין דאַרף איך מיט אייך גיין? — האָב איך געפרעגט, פילנדיק גענוג קלאָר, אַז כ׳קאָן מיר נישט העלפן, אַז אַנטקעגן דעם מענטשן האָט איך נישט מער מיין אייגענעם ווילן און כ׳האָב סתם אין דער וועלט אַריין איבערגעחזרט:

— כ׳וויל, כ׳דאַרף... זיין אין באַזעל היינט אָוונט!

— וועסט זיין! — האָט דער ייד אַרויסגערעדט מיט דער זעלבער שטילער, נאָר פול מיט זיכערקייט, שטימע. ער האָט מיך לייכט אָנגענומען ביי אַ האַנט און מיט דער צווייטער האָט ער אַ נעם געטאָן מיין וואַליזקעלע.

ווי אַזוי מיר זענען אַדורכגעגאַנגען דעם וואָקזאַל, ווייס איך באמת נישט; ס׳איז, דוכט זיך, אַ נאַרישקייט, האַ? און דאָך איז די זאַך שוין גאָרנישט אַזוי פּשוט... איר ווייסט דאָך, ווי עס פירט זיך אין פראַנקרייך; דאָ, אַז מען וויל אַרויסקומען צו אַ באַן־ליניע, דאַרף מען ווייזן דעם באַן־בילעט און אַז מען פאַרלאָזט אַ באַן־ליניע, דאַרף מען אויף דאָס ניי ווייזן דעם באַן־בילעט און אין מיין פאַל, געדענק איך גאָרנישט, אַז אַזאַ זאַך זאָל האָבן געשען; מיר האָבן זיך מיט אַ מאָל געפונען אויף דער אַנדערער זייט, אויף דעם קליינעם פּלאַץ, פאַרן וואָקזאַל. ביים אַרויסקומען אין דרויסן האָב איך אין גאַנצן נישט געטראַכט וועגן אַזאַ ענין ווי בילעטן־קאָנטראָל; געפירט דורך דעם מאָדנע יידן בין איך געגאַנגען ווי אַן אויטאָמאַט; אָבער דערנאָך, שפּעטער... איז מיר אַלץ קלאָר געוואָרן... וואָרעם טראָץ דאָס מערקווערדיקע פאַרלירן פון מיין ווילן האָט מיין באַוווסטזיין רעגיסטרירט אַלע דערשיינונגען, וואָס זענען פאָרגעקומען מיט מיר און אַרום מיר.

אַ דאַנק דעם איבערגעבליבענעם באַוווסטזיין האָב איך געטראַכט, אַז מיר וועלן, הייסט עס, אַריינקומען אין אַ יידי־

שער שטוב, אין אַ שול מסתמא, און איך האָב געפילט אַ געוויסע צופרידנקייט פון קאָנען קומען אין קאָנטאַקט מיט אַנדערע יידן. כ׳וועל נישט בלייבן אַליין מיט דעם אויסטער־לישן מענטשן, וואָס האָט מיך געפירט און וועמענס צערפול פנים און טראַגיש פייערל אין די אויגן האָט מיך אַזוי שווער צערודערט.

אָבער ווי נאָר מיר האָבן זיך געפונען אין דרויסן, פאַרן וואָקזאַל, אַזוי איז פּלוצעם אויסגעוואַקסן פאַר מיר אַן אַל־טער אָפּגעבליאַקעוועטער, אָבער נאָך גוט קאָנסערווירטער פיאַקער, אין וועלכן עס איז געווען איינגעשפּאַנט אַ שוואַרץ פערדל, וואָס האָט נישט געקאָנט איינשטיין רואיק און אומ־גערולדיק איבערגעשטעלט די פיס, קלאַפּנדיק דערביי מיט די פּאָדקעוועס איבער די שטיינער פון ברוק.

אין מיין ווילנלאָזן מצב האָב איך מיך געוווּנדערט, געווען אפילו דערשטוינט צו זען פאַר מיר דעם פיאַקער; איך דערמאָן מיך גאָרנישט, אַז כ׳זאָל זיך אַ מאָל האָבן באַנוצט מיט אַזאַ לאָקאָמאָציע־מיטל. כ׳האָב אָבער נישט געהאַט קיין צייט מיך צו וווּנדערן, וואָרעם מיין באַגלייטער האָט גלייך אַ שטעל אַריין געגעבן אין פיאַקער מיין וואַליזקעלע און מיר געהאָלפן זיך אַריינזעצן. מיט אַן אויסטערלישער פלינ־קייט, וואָס האָט מיך אפילו איבערראַשט, האָט ער אַ שפּרונג אַרויף געגעבן אויף דעם פּאָדערשטן געזעס און אַ נעם געטאָן די לייטשן. אין זיין רעכטער האַנט האָט זיך באַוויזן אַ שטעקעלע, עפּעס אַן אָפּגעבראָכן צווייגל, מיט וועלכן ער האָט אַזאַ מאָדנעם באַוועג געטאָן, ווי ער וואָלט דיריגירט אַ נישט זעבאַרן אָרקעסטער און דער פיאַקער האָט זיך ממש ווי אַ גליטש געטאָן. מיט אַן אומגלויבלעכער שנעלקייט אַדורכגעשניטן אייניקע גאַסן און מיר האָבן זיך מיט אַ מאָל געפונען מחוץ דער שטאָט, אויפן שאָסיי.

עס האָט אָנגעהויבן צופאַלן די נאַכט.

אַן אומהיימלעכע טונקלקייט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די אַרומיקע פעלדער און שאָסיי, איבער וועלכן דער פּיאַקער האָט זיך געטראָגן.

נײַן, דאָס איז נישט געווען קיין געוויינטלעך פאָרן; מיטן פּיאַקער איז געשען עפּעס אַזעלכעס, ווי ער וואָלט געשלעפּט געוואָרן נישט דורך איין פערדל, נאָר דורך אַ גאַנצער סטאַדע. מאָמענטנווייז האָב איך געהאַט דאָס געפיל, אַז מיר פליען. ביימער און הייזלעך האָבן געשווינדלט פאַר מײַנע אויגן. אין די אויערן האָב איך געהערט אַ פייפעריי פון דער דורכשניידנדיקער לופט, וואָס וואָלט ווי אַ שטורעמווינט גע־וואָיעט איבער דער וועלט. כ׳האָב מיך טיף אַרײַנגערוקט אינעם געזעס און אָנגעהאַלטן ביי די ווענטלעך, פול מיט שרעק נישט אַרויסצופאַלן פון פּיאַקער. כ׳האָב געוואָלט אויסציען אַ האַנט צו דעם אויסטערלישן יידן, וואָס איז געזעסן אויף דער קעלניע אָן וועלכער ס׳איז באַוועגונג, מיטן צווייגל אין זיין כסדר אויפגעהויבענער האַנט, נאָר כ׳האָב מורא געהאַט צו מאַכן דעם מינדעסטן זשעסט. פון שרעק האָב איך גע־פילט, אַז דער אָטעם שטעלט זיך מיר אָפּ.

ווי לאַנג עס האָט געדויערט דאָס אומגעווייגטלעכע טראָגן זיך איבער די וועגן ווייס איך נישט, נאָר אַז דער פּיאַקער האָט זיך פלוצעם געגעבן אַ שטעל אָפּ, האָב איך געפילט אַז כ׳בין דורכגעווייקט פון אַ קאַלטן שווייס.

אין דעם לעצטן ביסל ליכט פון אָפּשטאַרבנדיקן טאָג האָב איך געזען, אַז מיר געפינען זיך אויף אַ קליינעם פלאַץ פון עפּעס אַן עלזאַסער שטעטל.

אין אייניקע פענצטער האָט שוין געברענט ליכט. אין אַ זייט פון פלאַץ איז געשטאַנען אַ מיט סקולפּטורן באַדעקטער אַלטער פאָנטאַן, פון וועלכן עס האָט מיט אַ שטילן גערויש

גערונען דאָס וואַסער. כ׳האָב אַ קוק געטאָן אויף דער גע־ביידע, נעבן וועלכער דער פּיאַקער האָט זיך אָפּגעשטעלט, און געזען, אַז מיר געפינען זיך טאַקע נעבן אַ שול. דאָס איז געווען אַ נישט היכע אַלטע מויער, וואָס איז אין מע־רערע ערטער געווען געשפּאָלטן. דאָס אַלטע שווער־היל־צערנע טויער איז באַשטאַנען פון צוויי טירן, ערטערווייז צע־בראָכענע. דאָס הילצערנע טויער איז אין גאַנצן געווען באַ־שלאָגן מיט שטיקלעך פאַרזשאַווערטע אייזערנע רונדן פון דריי־פיר סענטימעטערדיקער גרייס און אין דער הייך, איבער דער גאַנצער ברייט פון דער מויער, האָב איך ביים לעצטן ביסל טאָגליכט געזען די אויפשריפט „זה השער ליהוה צדי־קים יבואו בו״, וואָס איז געמאַכט געווען פון די זעלבע איי־זערנע רונדן, מיט וועלכע דאָס טויער איז געווען באַשלאָגן. לינקס פון גרויסן טויער האָט זיך געפונען אַ קליינע טיר, וואָס איז אויך געווען באַדעקט מיט די קליינע רונדיקע שטיקלעך אייזן.

ווי נאָר דער פּיאַקער האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָט מיין פירער אַ שפּרונג אַראָפּ געגעבן פון דער קעלניע מיט דער זעלבער אומגלויבלעכער פלינקייט ווי פריער ביים אַרויפ־זעצן זיך און אָן אַרויסצורעדן אַ וואָרט געוואַרט כ׳זאָל אויס־שטייגן. כ׳האָב געוואָלט נעמען דאָס וואַליזקעלע, אָבער מיט אַ זשעסט פון האַנט האָט ער עס מיך נישט געלאָזט טאָן און ס׳איז געבליבן ליגן אין פּיאַקער.

אין דער טונקלקייט האָב איך געזען באַוועגן זיך אַרום מיר אייניקע סילועטן, וואָס האָבן זיך ווי איבערגעשמועסט אויף שטום־לשון מיט מיין באַגלייטער, וועלכער האָט פּונקט ווי אין קאָלמאַר ביי דער באַן מיך ווידער געגומען ביי דער האַנט און צוגעפירט צו דער קליינער זייטיקער טיר, וואָס האָט זיך אויפגעעפנט ווי פון זיך אַליין...

אַריבערטרעטנדיק די שוועל, האָט אַ שאַרפע פייכטקייט פון אַ לאַנג נישט באַוווינט און נישט באַהייצט אָרט מיר אַ שלאָג געטאָן אין פּנים אַריין. פון דעם קאַלטן שווייס, מיט וועלכן כ׳בין געווען אַדורכגעווייקט און פון דער דערפילטער פייכטקייט האָט מיך אָנגעהויבן שווידערן. קוים, קוים אַז כ׳האָב געזען אויף די אויגן.

כ׳האָב מיך געפונען אין אַ לאַנגן קאָרידאָר. אין דעם ביסל מאָגערן ליכט, וואָס איז כ׳ווייס אַליין נישט פון וואַנען געקומען, האָב איך ווי דורך אַ נעפּל געזען לינקס ביי דער מויער אַ לאַנגע הילצערנע באַנק און אַ ביסל טיפער אַ ליי־דיק און שטאַרק פאַרשטויבט ספרים־שענקל, אין וועלכן עס האָבן געפעלט אַלע שויבן און גאָר אין דער טיף, סוף קאָ־רידאָר, שמאָלע שטיגן, איבער וועלכע כ׳האָב נישט זייער קלאָר געזען אַרויפגיין איינע הינטער דער אַנדערער דריי פּרויען־סילועטן.

כ׳האָב דאָך אייך שוין דערציילט, ווי אין דעם ביסל דערהאַלטענעם באַוווסטזיין האָב איך געהאָפט, אַז דאָס צו־נויפטרעפן זיך מיט אַנדערע יידן, וועט מיך באַפרייען פון דעם שווערן געפיל, וואָס די געזעלשאַפט פון מיין באַגליי־טער האָט אויף מיר אָנגעוואָרפן; אָבער מיטן אַריינקומען אין דער שול אַריין איז מיין געמיט אַבסאָלוט נישט פאַר־לייכטערט געוואָרן; פאַרקערט, ס׳איז געוואָרן נאָך שווע־רער; כ׳האָב מיך געפילט ווי נישט אויף דער וועלט... אַ טונקלקייט האָט מיך כסדר אַרומגערינגלט, וואָס האָט מיך פון רגע צו רגע מער דערשלאָגן. כ׳האָב געזען אַרום מיר סילועטן, וועמענס געזיכטער כ׳האָב אויף קיין פאַל נישט געקאָנט זען קלאָר און ווי דער אמת, כ׳האָב באַקומען אַן אומ־דערקלערלעכע מורא פאַר זיי...

ווי נאָר כ׳בין אַריבער די שוועל פון דער שול, האָב איך

גלייך דערהערט זיך פונאַנדערטראָגן דעם אשרי יושבי ביתך און דערהערט אַרום מיר אַ שטיל מורמלען פון די דאַווענער. כ׳בין געשטאַנען פון סאַמע אונטן, כמעט ביי דער טיר דורך וועלכער כ׳בין אַריינגעקומען און אָן צו וויסן פאַר וואָס, גע־ציילט די סילועטן, וואָס כ׳האָב געהאַט פאַר מיר; אין גאַנצן אַכט דאַווענער אַ חוץ דעם יידן, וואָס האָט מיך דאָ אַהער־געבראַכט; אים האָב איך נישט געזען, נאָר געפילט, אַז ער געפינט זיך האַרט נעבן מיר, דעם צענטן.

אַ חוץ די ניין דאַווענער האָב איך אין דער הייך לינקס געזען אַ קליין באַלקאָנדל, אויף וועלכן כ׳האָב באַמערקט שטיין אָן באַוועגונג ממש ווי פאַרשטיינערט דריי טונקעלע פרויען־סילועטן. דאָס זענען וואַרשיינלעך געווען די זעלבע, וועלכע כ׳האָב געזען אין זייטיקן קאָרידאָר אַרויפגיין די שטיגן.

אַלץ וואָס האָט אין דעם מאָדנעם צושטאַנד געצויגן מיין אויפמערק, איז געווען אַ ביז גאָר אינטערעסאַנטער ארון־קודש באַדעקט מיט אַ שניצעריי פון פייגל און קאָלאָנעטן פון ביידע זייטן. אין מיטן שול, צווישן די פיר אַלטע הילצערנע זיילן, וואָס האָבן אונטערגעהאַלטן די סטעליע, איז געהאָנגען אַ גאָר אַלטער מעשענער הענגלייכטער, אין וועלכן עס האָבן געברענט אייניקע ליכטלעך, וואָס האָבן קוים, קוים באַ־לויכטן די שול. אַ חוץ די צוויי אויסגערעכנטע קעגנשטאַנדן איז דאָס געבעטהויז געווען אין גאַנצן ליידיק, נישט געווען אפילו קיין עמוד, גאָרנישט! די שול איז געווען אַלט, נישט גרויס, נאָר אָן מעבל. אַן אָפּגעלאָזנקייט און אַ דיקער שיכט שטויב איז געלעגן אומעטום, און ס׳איז מיר געווען אַזוי־פאַרדריסלעך זי צו זען אין אַזאַ צושטאַנד, וואָרעם אויב די יידן פונעם שטעטל האָבן אָפּגעהיטן יידישקייט און אפילו געוואָלט האָבן אַ מנין צו אַ יאָרצייט, האָבן זיי דאָך על כל

פנים געדאַרפט אַביסל אַכט לייגן אויף דער שול און נישט לאָזן דאָס אָרט, ווו זיי קומען זיך צונויף מתפלל זיין, אין אַזאַ אָפּגעלאָזטן וויסטן מצב.

צוהערנדיק זיך צום דאַוונען, האָב איך געטראַכט מיט פאַרדראָס, וואָס כ׳בין געווען געשטערט אין מיין רייזע און אַהערגעבערענגט געוואָרן אין דעם שוין גאָרנישט היימלעכן אָרט. כ׳האָב געהאַט אַ פאַרלאַנג צו וויסן ווי שפּעט ס׳איז, נאָר דאָס געפיל אַז נעבן מיר געפינט זיך דער אומהיימלעכער ייד, וואָס היט מיך אַזוי מאָדנע אָפּ און קוקט, דוכט זיך, אויף יעדער באַוועגונג מיינער, האָט מיך אָפּגעהאַלטן פון אַ בליק טאָן אויף מיין זייגערל. אין דער שווערער שטימונג האָב איך פאָרט מיט צופרידנקייט באַמערקט, אַז דאָס דאַ־וונען גייט צום סוף; אָט זאָגט שוין דער חזן, וואָס האָט זיך געהאַלטן נעבן ארון קודש עלינו לשבח; כ׳האָב דער־פילט אַ נייגעריקייט צו זען דעם קדיש־זאָגער, אָבער צו מיין גרויסער שטוינונג האָט דער חזן אָנגעהויבן זאָגן אַ רבנן קדיש.

רבנן קדיש? נישט קיין קדיש־יתום? ווי קומט עס? וואָס איז דאָס פאַר אַ יאָרצייט? מיין אַהערברענגער האָט דאָך מיר בפירוש געזאָגט, אַז עס האַנדלט זיך אין אַ יאָר־צייט! זאָל ער מיך האָבן גענאַרט, אָט דער שוייגנדיקער ייד מיט זיין צערפּול פּנים און טראַגיש־טרויעריקע בליקן; זאָל ער מיך האָבן גענאַרט?

כ׳האָב געפילט אויפגיין אין מיר אַ שטאַרקן פאַרלאַנג צו וויסן וואָס דאָ געשעט, צו בעטן ביי מיין נישט־היימלעכן באַגלייטער אַ שטיקל אויפקלערונג. אָבער אין דעם מאָמענט האָב איך דערזען אַרום מיר די סילועטן פון די דאַוונער און געהערט אַ שטיל זאָגן מיר ווי אַ שעפּטש, אַ „יישר כוח״, „יישר כוח״ און גלייך האָב איך דערפילט די האַנט פון מיין

באַגלייטער, וואָס האָט אָן אַ וואָרט, מיך אַרויסגעפירט פון דער שול דורך דער זעלבער זייטיקער טיר דורך וועלכער כ׳בין אַריינגעקומען.

אין דרויסן איז געווען גוט פינצטער און אַ טיפע שטיל־קייט אויסגעגאָסן אויף דעם קליינעם פּלאַץ. אין דעם ביסל ליכט, וואָס האָט זיך דערטראָגן פון אייניקע פענצטער, האָב איך דערזען דעם פיאַקער מיטן שוואַרצן פערדל, וואָס האָט ווי פריער זיך אומגעדולדיקט און כסדר איבערגעשטעלט די פיס, ווי זיך געריסן אין וועג אַריין.

כ׳האָב מיך מיט אַ מאָל דערמאָנט דאָס שוידערלעך־אומ־היימלעכע פאָרן אַהער און דערפילט מיין האַרץ קלאַפּן ביים געדאַנק פון דארפן נאָך אַ מאָל אַדורכמאַכן אַזאַ רייזע. אַמ־בעסטן וואָלט געווען ווען דער ייד לאָזט מיך אָפּ; ווען ער באַפרייט מיך פון זיין געזעלשאַפט. מוחל אַלע אויפקלערונגען וועגן יאָרצייט, רבנן־קדיש, מוחל! כ׳וועל מיר שוין אַן עצה געבן אַליין, כ׳וועל שוין געפינען מיין וועג קיין קאָלמאַר צו דער באַן. זאָל ער מיך אָפּלאָזן. כ׳וויל נישט, כ׳קאָן נישט נאָך אַ מאָל אַדורכמאַכן אַזאַ וועג!

דאָס אומגעפער האָב איך געטראַכט ביים דערזען דעם פיאַקער, וואָס איז געשטאַנען גרייט מיך צוריקצוברענגען צו דער באַן, אָבער אויף קיין פאַל האָב איך נישט געפונען אין מיר קיין כוח זיך אַנטקעגנצושטעלן דעם ווילן פון מיין באַגלייטער, וואָס האָט שווייגנדיק געוואַרט, כ׳זאָל איינשטייגן. דערנאָך האָט ער אַ שפּרונג אַרויף געגעבן אויף דער קעלניע און איך האָב ווידער אַ מאָל דערזען אין זיין אויפגעהויבענער רעכטער האַנט דאָס זעלבע צווייגל וואָס פריער. ער האָט אויף דאָס ניי אַזאַ מאָדנע באַוועג געטאָן און עס האָט זיך אָנגעהויבן דאָס אויסטערליש־אומגלויבלעכע טראָגן זיך אין דער פינצטער. אַ שטורעמווינט האָט זיך אויפגעהויבן אַרום

מיר. אין מיינע אויערן האָב איך ווידער אַ מאָל געהערט אַ פּייפּעריי און אַזאַ ווילד וואָיען, אַז כ׳האָב געפילט ווי כ׳גיי אויס פון שרעק. איך האָב מיך טיף אַריינגערוקט אין פּיאַקער און מיט מיינע פינגער מיך געקלאַמערט אין יעדער שפּאַרע פון געזעס. פון די אָנגעצונדענע פייערלעך אין די פאַרביילויפנדיקע פענצטער האָב איך געזען פונקען פאַר מיינע אויגן.

כ׳ווייס נישט ווי אַזוי עס איז געשען, נאָר איך האָב מיך געכאַפּט, אַז כ׳האַלט אין האַנט מיין גאָלדענע פילפעדער; ווי אַזוי דאָס איז געשען, האָב איך נישט געהאַט קיין אַנונג; כ׳האָב בכלל נישט געקענט טראַכטן און געווען ווי פּאַראַליזירט פון שרעק. יעדע מינוט, יעדע סעקונדע האָב איך געמיינט, אַז דער פּיאַקער קערט זיך איבער, אַז ער צעפאַלט זיך אויף שטיק־שטיקלעך און מיר ווערן צעשמעטערט.

פּלוצעם האָט איך דערזען ווי אַ מאַסע ליכט שווימט מיר אַנטקעגן און גלייך האָט זיך דער פּיאַקער געגעבן אַ שטעל אָפּ.

כ׳האָב נישט געגלויבט מיינע אויגן.

מיר האָבן זיך געפונען אויף אַ באַלעבטן פּלאַץ. אַ סך, אַ סך ליכט האָט זיך געגאָסן פון אַלע זייטן. די טראָטואַרן זענען געווען פול מיט שפּאַצירנדיקן עולם. אויטאָמאָבילן זענען געפאָרן אין פאַרשידענע ריכטונגען. אַ יום־טובדיקע פריילעכקייט האָט זיך געטראָגן פון אומעטום.

כ׳האָב אָפּגעעטעמט מיט דער גאַנצער ברוסט. עס האָט מיך אַרומגעכאַפּט אַ פרייד פון האָבן אַריבערגעקומען אַזאַ אויסטערליש, טייוולאָניש פאָרן. אַ פרייד פון צו זען אַזוי פיל מענטשן, פריילעכע, מיט געלעכטערס אויף די פּנימער און וואַרעמקייט אין די אויגן. כ׳האָב געהאַט אַ געפיל, ווי כ׳וואָלט געקומען פון יענער וועלט, איר הערט, ווי כ׳וואָלט געקומען פון יענער וועלט!...


Benn

— ווו געפין איך מיך? — האָב איך אויסגערופן.

— אין באַזעל! — האָב איך געהערט די שטילע שטימע פון מיין באַגלייטער, וואָס איז געזעסן אַזוי ווי פריער אַן וועלכער ס׳איז באַוועגונג. ער האָט אפילו נישט אויסגע־דרייט צו מיר דעם קאָפּ.

— אין באַזעל?

כ׳האָב אַ כאַפּ געטאָן מיין וואַליזקעלע און מיט איין שפרונג בין איך אַראָפּ פון פיאַקער. טאַקע באמת, כ׳האָב מיך גע־פונען אין באַזעל אויפן מאַרקפּלאַץ, ביי דעם אַזוי שיין דעקאָרירטן פאַסאַד פון אַלטן ראַטהויז, וואָס כ׳האָב אַזוי גוט געקענט!

— זיי מצליח! — האָב איך דערהערט די שטילע שטימע פון דעם אומהיימלעכן יידן. כ׳האָב אויסגעדרייט דעם קאָפּ און געזען דעם פיאַקער אָפּפאָרן און גלייך איז ער פאַר־שוווּנדן.

אַ פרייד, אַ גרויסע פרייד האָב איך געפילט אויפגיין אין מיר און וואָס האָט געהאַלטן אין איין שטייגן. דער נאָר וואָס איבערגעלעבטער פּחד, די אַלטע, אַזוי פייכטע און שווער אָפּגעלאָזענע, פאַרשטויבטע שול, די מאָדנע אומהיימלעכע סילועטן פון די דאָוועגער, די טראַגישע בליקן פון דעם בעלם געוואָרענעם יידן, אַלץ, אַלץ וואָס כ׳האָב איצט איבער־געלעבט, האָט אָנגעהויבן שנעל פאַרלוירן צו גיין אין מיין זכרון. כ׳בין געווען אַרומגערינגלט מיט אַזוי פיל לעבן, מיט אַזוי פיל פרייד!

כ׳האָב אַ קוק געטאָן אויפן זייגער;

ס׳איז געווען האַלב אַכט אַ זייגער אָוונט.

הייסט עס אַז כ׳האָב טאַקע נישט פאַרלוירן קיין סך צייט. כמעט גאָרנישט!... און פאַרדינט אַ מצווה... אַ מצווה וואָס

איז ווי דער אמת געשען קעגן מיין ווילן. מילא, אַבי ס׳איז געענדיקט!

אין דעם מאָמענט האָב איך מיך דערמאָנט אין מיין גאָל־דענער פּילפּעדער און דערזען אַז כ׳האָב זי נישט, אַז זי געפינט זיך נישט אויף איר שטענדיק אָרט, אָנגעשפּילעט אין מיין בוזעם־קעשענע. כ׳האָב מיך דערמאָנט, ווי אין מיין גרויסער נערוואָזיטעט האָב איך די פעדער געלאָזט אין איי־נער פון די שפּאַרעס פון פּיאַקער. כ׳האָב זי געוואָלט צוריק אַרויסבאַקומען, נאָר מיינע פינגער, פּאַראַליזירטע פון שרעק, האָבן עס נישט געקאָנט טאָן און כ׳האָב זי פאַרגעסן.

די פעדער איז געווען אַ מתנה, וואָס כ׳האָב געהיט ווי אַן אויג אין קאָפּ און איצט האָב איך די מתנה געפּטרט, פאַר־לוירן ערגעץ אינעם פּיאַקער, וואָס האָט זיך געפונען אין שטעטל... אין שטעטל?... כ׳האָב מיך אַרומגעזען אַז כ׳ווייס אפילו נישט אין וועלכן שטעטל כ׳בין געווען.

דאָס פאַרלירן די פעדער האָט מיר פאַרשאַפט עגמת נפש, אָבער נאָר אויף אַן אויגנבליק. כ׳האָב מיך געפילט, ווי כ׳וואָלט נאָר וואָס אַרויס פון אַ שווערער שלאַפקייט און געהאַט אַ הנאה פון זען אַרום זיך אַזוי פיל וואַרעמקייט, ליכט און לעבן. כ׳האָב מיך דערפילט גליקלעך, אמתדיק גליקלעך פון זען דאָס אַלץ און פונעם באַוווסטזיין, אַז איך געפין מיך טאַקע באמת אויף דעם מאַרקפּלאַץ אין באַזעל.

האָט איר איצט אויסגעהערט נאָר אַ טייל וועגן דעם, וואָס עס איז מיט מיר געשען אין יענעם אָוונט און וואָס האָט דערפירט דערצו, כ׳זאָל אַ ביסל שפּעטער אָנהייבן צו גלייבן, אַז געשטאָרבענע לעבן... אַז זיי זענען נישט פול־שטענדיק פאַרשוווּנדן פון אונדזער אַרום! אוודאי זע איך, אַז איר זענט אַ ביסל באַווירקט פון דעם געהערטן און איר זענט מסכים, אַז דאָס וואָס איז מיט מיר געשען, איז אַ ביסל

אויסטערליש; פון דעסט וועגן זענט איר נאָך ווייט פון צו זען אין דעם אַלעם, עפּעס איבערנאַטירלעכס. איר טראַכט וואַרשיינלעך, אַז מיינע מערקווערדיקע, לאָמיר זאָגן אויסטער־לישע אויספירן זענען אַ רעזולטאַט פון אַן אָפּגעשוואַכטן נערוון־צושטאַנד, אין וועלכן כ׳זאָל מיך גראָד האָבן געפונען אין יענעם אָוונט און דערפון מיינע מאָדנע, נישט געוויינט־לעכע געדאַנקען, אַז כ׳האָב מיך געפונען אין אַ געזעלשאַפט פון מתים... וואָס זאָלן זיך האָבן צונויפגעקומען כדי צו דאַווענען בציבור... איך ווייס אַז דאָס וואָס איך האָב אייך דערציילט, איז ווייט נישט איבערצייגעוודיק, וועט איר אָבער הערן וואָס עס איז נאָכגעקומען, איר וועט הערן דעם סוף פון דעם אויסטערלישן אָוונט וואָס איז פאָרגעקומען דעם לעצטן אַפּריל, אין טאָג פון קריסטלעכן פּסח.

דאָס איז געווען אין חודש אויגוסט; פיר חדשים נאָך דעם אומהיימלעכן מנין, אין וועלכן איך האָב מיך אַזוי אומ־געריכט באַטייליקט. כ׳האָב מיך דאַן געפונען אין באַקאַנטן קוראָרט וויטעל, וואָס ליגט אין די וואָגעזן־בערג און אין אַ באַשטימטן זונטיקדיקן פרימאָרגן האָבן מיר, אַ גרופּע פון פינף פּערזאָן, זיך אַרויסגעלאָזט אין אַ פיינעם אויטאָמאָביל, אויף אַ שפּאַציר איבער דער שיינער געגנט.

אונדזער ציל איז געווען צו קומען אין דער אַלטער און אַזוי אינטערעסאַנטער שטאָט שטראַסבורג, וווהין מיר האָבן גערעכנט אָנצוקומען ביי איינס אַ זייגער און אויפן וועג אַהין, האָבן מיר געהאַט בדעה צו באַזוכן עטלעכע אַלטע עלזאַסער שולן.

ס׳איז געווען אַ וואַרעמער זוניקער פרימאָרגן ווען מיר האָבן אָנגעהויבן אונדזער רייזע. דער וועג האָט אָפט מאָל געפירט באַרג־אַרויף און באַרג־אַראָפּ. די פאַרבייגעפאָרענע וועלדער האָבן פאַרשיכורט מיט זייער ריח און צופרידן פון

דעם אָנגעהויבענעם שפּאַציר האָבן מיר מיט נייגעריקייט זיך צוגעקוקט צו גאָטס שיינער וועלט און הנאה געהאַט פון זען די גרין־גאָלדענע לאַנדשאַפט.

זיצנדיק אין אויטאָמאָביל, וואָס איז שטיל און אָנגענעם געפאָרן איבער די פיינע פראַנצייזישע וועגן, האָב איך דער־ציילט מיינע באַקאַנטע, אַז אין לעצטן חודש אַפּריל האָב איך מיך באַטייליקט אָוונטצייט אין אַ דאַווענען אין אַן אַל־טער עלזאַסער שול, אָבער איך ווייס לײדער נישט ווו, אין וועלכן אָרט דאָס איז געווען. אוודאי האָב איך מיך נישט געקאָנט אָפּהאַלטן פון צוגעבן, אַז דאָס איז געווען זייער נישט קיין הימלעך דאַווענען, אָבער מיט קיין איינציק וואָרט האָב איך מיך נישט אַרויסגעכאַפּט וועגן מיינע מערקווערדיקע איינדרוקן; צוליב וואָס קאַליע מאַכן די גוטע שטימונג, וואָס האָט אונדז אַלעמען באַהערשט? בפרט אַז דאָס אַלץ וואָס איך האָב טיף אין מיר חושד געווען, האָב איך דאָך אַליין אויך אָפּגעוואָרפן און מיר כסדר געמאַכט פירוואָרפן פאַר אַזעלכע נישט זאַכלעכע פאַרדאַכטן.

אומגעפער אַרום צען אַ זייגער האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט צום ערשטן מאָל אין אַ שטעטל, וואָס פאַרמאָגט אַ גרעסערע שול פון סוף פון 18־טן יאָרהונדערט. דער ישוב, וואָס האָט דאָ אַ מאָל געציילט אַ הונדערט יידישע פאַמיליעס, פאַרמאָגט איצט אין גאַנצן ביי פופצן משפחות; ווערט די שול גע־נוצט נאָר אין די ימים־נוראים און שטייט כמעט אַ גאַנץ קיילעכדיק יאָר ליידיק.

מיר האָבן אָנגעקוקט די שול, וועמענס סטיל איז געווען אַ ביסל באַווירקט פון דער גאָטיק. באַטראַכט דעם אָרון קודש, איבער וועלכן ס׳איז געהאַנגען אַ גרויס, אַלט, אָבער פּרעכטיק אויסגעהאַפטן סאַמעטן פּרוכת, דעם גרויסן סאָליד־דערהאַלטענעם בעלעמער, די מערערע מעשענע הענגלייכ־

טער און איבערלאָזנדיק אַ געוויסע סומע פאַר דער פראַנצייזיש־יידישער פרוי, וואָס היט אָפּ אַ גאַנץ יאָר די שול, זענען מיר אַרום עלף אַ זייגער פאַרמיטאָג אָנגעקומען אין קליינעם אויסגעפּוצטן שטעטל ז. און זיך אָפּגעשטעלט נעבן אַ קליינער מאָדערן־איינגעאָרדנטער קאַפע. דאָרט האָבן מיר געדאַרפט געפינען די פּערזאָן, וואָס וועט אונדז ווייזן די אָרטיקע שול.

דאָס איז געווען אַ פראַנצויזקע פון אַ יאָר זיבעציק, וואָס האָט אונדז אויפגענומען זייער פריינדלעך.

— שוין צוויי יאָר צייט, אַז עס איז נישט געקומען קיינער פון אייערע מענטשן זען די סינאַגאָגע — האָט די זקנה געשמייכלט, ווי צופרידן, וואָס יידן האָבן זיך פאָרט דערמאָנט צו קומען זען די שול, וואָס דאָס שטעטל פאַרמאָגט. זי האָט אַראָפּגענומען פון דער וואַנט אַ גרעסערן אַלטן שליסל און אונדז געבעטן איר נאָכגיין. מיר האָבן אַדורכגעשניטן צוויי קליינע שמאָלע געסלעך און אַרויסגעקומען אויף אַ קליינעם שטאָטישן פּלאַץ.

פּלוצעם האָב איך דערפילט אַז דער אָטעם שטעלט זיך מיר אָפּ. כ׳האָב זיך געפונען ביי דער זעלבער שול, אין וועלכער כ׳בין אין יענעם אַפּריל־אָוונט אַהערגעבערענגט געוואָרן פון קאָלמאַר. אַרום מיר האָט איצט געשיינט אַ גאָלדענע זון; די וועלט איז געווען באַגאָסן מיט אַ מאַסע ליכט, בעת דעמאָלט איז שוין געווען גוט טונקל. כ׳האָב אָבער נישט געהאַט דעם מינדסטן צווייפל, אַז כ׳געפין מיך אויפן זעלבן אָרט. כ׳האָב גלייך דערקענט דאָס גרויסע צוויי־טירנדיקע טויער און דאָס קליינע טירל לינקס, אין גאַנצן באַדעקט מיט די קליינע רונדיקע שטיקלעך אייזן און אין דער הייך דעם „זה השער ליהוה צדיקים יבואו בו״, געמאַכט פון די זעלביקע רונדיקע שטיקלעך אייזן. אין

דער זייט פון פּלאַץ האָב איך געזען דעם זעלבן אַלטן, מיט שניצערייִ באַדעקטן, פּאַנטאַן, וועמענס לויפנדיק וואַ־סער האָט קוים געררושט. יאָ, ס׳איז געווען די זעלבע שול, אין וועלכער כ׳האָב איבערגעלעבט יענעם פּיינלעכן אָוונט, וואָס האָט זיך אַזוי געוואַלדיק איינגעקריצט אין מיין זכרון. נישט קאָנענדיק זיך מער איינהאַלטן, האָב איך אויסגערופן:

— אָ, די דאָזיקע שול קען איך און נאָך ווי אַזוי!

— איר קענט די סינאַגאָגע? — האָט מיט אַ לייכטער פאַרוווּנדערונג געפרעגט די אַלטע פראַנצויזקע.

— אוודאי קען איך די שול. איך בין שוין געווען אינע־ווייניק...

— איז עס שוין זיכער זייער לאַנג!

— זייער לאַנג? ניין, שוין גאָרנישט לאַנג. סך הכל מיט פיר חדשים צוריק.

— איז זיך דער הער טאַקע טועה, זיכער טועה — האָט די פראַנצויזקע, צופרידן וואָס זי גייט ווייזן אַ נאָך נישט געזעענע זאַך, זיך אָפּגערופן — וואָרעם שוין גאַנצע צוויי יאָר, אַז קיינער האָט נישט וויזיטירט דאָס הויז.

— צוויי יאָר, זאָגט איר? מאַדאַם, כ׳בין דאָ געווען אי־נעווייניק מיט פיר חדשים צוריק! — האָב איך באַשטאַנען אויף דאָס מייניקע.

— כ׳באַדויער זייער, נאָר איר זענט זיך טועה — האָט די פרוי מיך העפלעך פּראָבירט צו איבערצייגן — איר האָט מסתמא וויזיטירט ערגעץ אַ סינאַגאָגע וואָס איז מיט עפּעס ענלעך צו דער פון אונדזער שטעטל — און זי האָט איבער־געחזרט — שוין צוויי יאָר צייט, אַז קיינער האָט נישט אי־בערגעטראָטן די שוועל פון דעם הויז.

— צוליב וואָס זיך שפּאַרן? — האָט איינער פון אונדזער גרופּע זיך אַריינגעמישט, — איר הערט דאָך, אַז די שול איז שוין אַזאַ צייט לאַנג, גאַנצע צוויי יאָר נישט באַזוכט געוואָרן!

די זיכערקייט אַז כ׳געפין מיך ביי דער זעלבער שול, אין וועלכער כ׳בין געווען אין יענעם אַפּריל־אָוונט, האָט גע־האַלטן אין איין שטייגן; אַלע איינצלהייטן זענען געווען אַזוי שאַרף איינגעקריצט אין מיין געמיט, אַז כ׳האָב אויף קיין פאַל נישט געקאָנט גלייבן אין אַ טעות!

— מאַדאַם, — האָב איך אויסגערופן צו דער פראַנצויזקע — איר האָט, ווי איר זאָגט עס, שוין צוויי יאָר נישט געהאַט קיין באַזוכער, אָבער דאַווענער? די יידן פונעם שטעטל קומען זיך דאָך צונויף, כדי פון צייט צו צייט מתפלל זיין!

די זקנה האָט אַ ווייַלע געשוויגן, מיך אָנגעקוקט מיט פאַרוווּנדערונג און זיך לסוף אָפּגערופן:

— קיינער דאַוונט דאָ נישט! נישטאָ קיין יידן אין אונדזער שטעטל. פון יאָר 1870 אָן, זינט דער מלחמה מיט די פּרייסן, זענען נישטאָ מער קיין איזראַעליטן און פון דאַן אָן, שטייט די סינאַגאָגע געשלאָסן, פאַרלאָזט, סיידן אַז עס קומט אַ מאָל עמעצער, וואָס וויל, ווי איר איצט, זי זען און ווי כ׳האָב עס אייך געזאָגט, האָט שוין קיינער אַזוי לאַנג נישט איבער־געטראָטן איר שוועל.

פון די רייד האָב איך געפילט, אַז כ׳פאַרליר דעם באָדן אונטער מיינע פיס; די ווערטער אַז שוין באַלד אַ גאַנצן יאָרהונדערט, ווי דאָס שטעטל פאַרמאָגט נישט קיין יידן מער און במילא אויך נישט קיין דאַווענער, האָט מיך געטראָפן גלייך אין האַרצן אַריין. מיין פאַרבאַהאַלטענער חשד, וואָס האָט מיך כסדר געפּייניקט, אַז כ׳בין אין יענער נאַכט געלעגן אין די הענט פון אַ נישט פּשוטן כוח, אַ חשד וועלכן איך האָב ווי אַ מענטש, וואָס גלייבט נישט אין די פאַרשידענע

באָבע־מעשׂיות, געזוכט מיט אַלע כּוחות צו פֿאַרטרייבן, אָט־אָ דער שווידערלעכער חשד האָט זיך אָנגעהויבן צו פֿאַר־וואַנדלען אין אַ זיכערקייט. כ׳האָב געפֿילט אַ קעלט דורכגיין מיין לייב.

— כ׳פֿאַרזיכער אייך פֿאַרט, אַז כ׳בין נישט לאַנג צוריק געווען אין דער שול — האָב איך אַ שווער־צעררודערטער גערעדט צו דער פֿראַנצויזקע, פֿילנדיק, אַז עס פֿעלט מיר אויס לופֿט — כ׳בין דאַן אַריינגעקומען אין דער שול דורך דער קליינער טיר, לינקס!

די פֿראַנצויזקע איז געשטאַנען אין אַ פֿאַרלעגנהייט, אַ ביסל צעטומלט פֿון מיין עקשנות און נישט געוווסט וואָס מיר צו זאָגן; אָבער הערנדיק מיינע לעצטע רייד האָט זי זיך אָפּגערופֿן:

— ליבער פֿריינד, די קליינע טיר, דורך וועלכער איר זאָלט האָבן, ווי איר זאָגט עס, אַריינגעקומען אין דער סינאַ־גאָגע, ווערט קיין מאָל נישט געעפֿנט, ווייל נישט מיין פֿאָטער און נישט איך, וואָס האָב מיט פֿערציק יאָר צוריק איבער־גענומען פֿון אים דעם שליסל, האָבן מיר קיין מאָל נישט געהאָט קיין שליסל צו דער קליינער טיר. זי איז מסתּמא אַזוי געווען געשלאָסן, זינט די לעצטע יידן האָבן פֿאַרלאָזט אונדזער שטעטל.

— נו, זאָל עס שוין נעמען אַן עק! — האָט זיך אַריינ־געמישט איינער פֿון אונדזער גרופּע — איר זעט דאָך, אַז איר זענט אייך טועה. צוליב וואָס דאָס עקשנען זיך? מיר וועלן דאָך נישט פֿאַרלירן קיין צייט צוליב אַזאַ נאַרישקייט!

— מאַדאַם! — האָב איך ממש ווי אויסגעשריגן, נישט לייגנדיק קיין אַכט אויף מיין פֿריינד און אויף די איבע־ריקע פֿון אונדזער גרופּע, וואָס זענען געוואָרן אומגעדולדיק — דאָ, לינקס, הינטער דער קליינער טיר, צו וועלכער איר

האָט נישט דעם שליסל, געפינט זיך אַ לאַנגער קאָרידאָר; גלייך ביים אַריבערגיין די שוועל שטייט אַ לענגלעכע באַנק. דערנאָך שטייט אַן אַלט פאַרשטויבט שענקל, אין וועלכן עס פעלן אַלע שויבן און גאָר אין דער טיף זענען פאַראַן שמאָלע שטיגן, וואָס פירן אַרויף צום קליינעם באַלקאָנדל אין ד׳ער שול, נישט אמת?

— גאָט מיינער, גאָט מיינער! — האָט די פראַנצויזקע, בלאַס ווערנדיק, אויסגערופן — עס שטימט, עס שטימט, ס׳איז ריכטיק, יאָ, יאָ, פון וואַנעט ווייסט איר עס?

ווי מיינע פריינד האָבן מיר דערנאָך דערציילט, האָב איך אין דעם מאָמענט געקוקט אויף זיי מיט ווילד־משוגענע בליקן. מיין פאַרדאַכט אַז כ׳האָב מיך אין יענעם אָוונט געפונען אין די הענט פון אַ נישט־נאַטירלעכן כוח, איז געוואָרן אַ זיכערקייט.

— עפנט אויף די טיר — האָב איך ממש ווי אַ באַפעל געטאָן אונדזער פירערין — לאָמיר אַריינגיין אין דער שול!

די זקנה האָט מיט ציטערנדיקע הענט אויפגעשלאָסן די טיר און מיר זענען אַריבער די שוועל פון דער שול.

יאָ, יאָ, כ׳האָב מיך געפונען אויף דעם זעלבן אָרט. ביים אַריבערגיין די שוועל האָט אויף אונדז אַלעמען אַ שלאָג געטאָן די זעלבע קעלער־פייכטקייט, וועלכע כ׳האָב אָפּגע־פילט אין יענעם אָוונט, איך האָב מיך געפונען אין דער כמעט ליידיקער שול מיט דעם זעלבן שיין־געשניצטן אָרון־קודש אין דער טיף און מיטן איינציקן אַלטן מעשענעם הענגלייכ־טער צווישן די פיר הילצערנע זיילן, וואָס האָבן אונטערגע־האַלטן די סטעליע. לינקס, אין דער הייך, האָב איך געזען דאָס קליינע באַלקאָנדל, וואָס האָט, ווייזט אויס, אַ מאָל געדינט פאַר די ווייבער.

כ׳האָב אויף דאָס ניי איבערגעלעבט יענעם פיינלעכן אָוונט;

ווידער אַ מאָל געזען יענע נישט קלאָרע סילועטן, דעם נישט הימלעכן יידן מיט די טראַגישע בליקן, דאָס ליכט אין דעם איינציקן מעשענעם הענגלייכטער, פון וועלכן עס איז גע־פאַלן אַזאַ טרויעריקע שיין. כ׳האָב געהערט אַרום מיר דאָס מורמלען דעם „יישר כוח״, „יישר כוח״.

אַך, ווער קאָן עס דען אויסדערציילן, וואָס איך האָב אי־בערגעלעבט אין די מינוטן, געפינענדיק זיך ווידער אין דער שול. טראָץ דעם וואָס די גרויסע טירן זענען איצט געשטאַנען אין גאַנצן אָפן און פון דרויסן האָט זיך אַריינגעריסן אַ מאַסע ליכט, האָב איך אָפּגעפילט אַ שוידער פונעם געדאַנק, אַז מתים האָבן מיך איינגעלאַדן מיטצומאַכן אַ דאַווענען מיט זיי... אַז זיי זענען נישט טויט... אַז זיי האָבן מיך אַרומגע־רינגלט, גערעדט צו מיר און איך צו זיי; כ׳האָב געמיינט אַז דער קאָפּ צעשפּרינגט מיר אויף שטיק־שטיקלעך!

מיינע פריינד האָבן דערווײַלע אַריינגעקוקט אין קאָרידאָר לינקס און געזען אַז אַלץ שטימט, אַז עס איז דאָרט פּונקט אַזוי, ווי כ׳האָב עס נאָר וואָס געשילדערט.

— באמת אינטערעסאַנט, — האָט זיך איינער פון זיי אָפּגערופן. — מערקווערדיק אינטערעסאַנט.

— אַ סך דאַוונער זענט איר געווען? — האָט אַ צווייטער געפרעגט.

— אַ חוץ מיר צוועלף דאַוונער; ניין מענער און דריי פרויען. דאָס איז געשען דעם צווייטן טאָג פון קריסטלעכן פסח.

— גאָט מיינער, גאָט מיינער! — האָט די אַלטע פראַנ־צויזקע מיט אַ פאַרצווייפלונג אין איר שטימע פלוצעם אויס־גערופן און זיך אָנגעהויבן צלמען — ניין מענער און דריי פרויען! — אַ ווייסקייט האָט באַדעקט איר פּנים. זי האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער עס איז גאָרנישט נישט אַרויס־

געקומען. זי האָט זיך אַ וואַקל געטאָן און אָנגעהויבן פאַלן. כ׳האָב איר קוים אונטערגעהאַלטן און צוגעפירט צו דער באַנק אין קאָרידאָר. זי איז געווען אַזוי ווייס, אַז מיר האָבן פשוט מורא באַקומען פאַר איר לעבן. מען האָט אַריינגע־כאַפּט אַ ביסל וואַסער פון דרויסנדיקן פאָנטאַן און איר באַשפּריצט דאָס פּנים. ענדלעך האָט זי אויפגעעפנט די אויגן און אונדז באַטראַכט מיט אַ פאַרלאָשענעם בליק. זי איז געזעסן אָן כוחות און אָנגעשפּאַרט אין דער וואַנט, זיך אויף דאָס ניי אָנגעהויבן צלמען, דערנאָך האָט זי מיט אַ שוואַכער שטימע געערדט ווי צו זיך אַליין:

— יאָ, יאָ, ניין מענער און דריי פרויען; זיי זענען געווען צוועלף נפשות; ניין מענער און דריי פרויען, וועמען די שלעכטע מענטשן האָבן דאָ, מיט אַזוי פיל יאָרן צוריק, דעם צווייטן טאָג פון הייליקן פסח, אומגעברענגט! יאָ, דאָס איז געשען אין יאָר 1787. די אָרעמע יידן האָבן זיך פּראָבירט ראַטעווען אין דער סינאַגאָגע אַריין און מען האָט זיי דאָ דערהרגעט! יאָ, זיי זענען געווען צוועלף, צוועלף, ניין מע־נער און דריי פרויען. גאָט מיינער, גאָט מיינער! דאָ, הינ־טערן שטעטל, אויפן אַלטן איזראַעליטישן בית־עולם גע־פינען זיך נאָך זייערע קברים. אָרעמע נשמות, זיי האָבן נישט קיין רו, זיי האָבן נישט קיין רו.

איטלעכער פון אונדז איז געווען אויפגעטרייסלט. מיר געפינען זיך אין אַ שול, אויף אַן אָרט, ווו עס האָט זיך מיט אַזוי פיל יאָרן צוריק אָפּגעשפּילט אַזאַ אומגליק. צוועלף יידישע נפשות זענען דאָ אומגעקומען על קידוש השם. אָט־אָ דאָ אויף דעם באָדן איז פאַרגאָסן געוואָרן דאָס אומשול־דיקע בלוט פון ניין מענער און דריי פרויען, וואָס קומען זיך, הייסט, דאָ צונויף דאַווענען אין טאָג פון זייער אומקום און זיי זוכן אויס און ברענגען אַהער אַ צענטן, אַ יידן פון

דער לעבעדיקער וועלט, כדי צו האָבן אַ מנין און דאָס מאָל... בין איך עס געווען דער צענטער...

כ׳האָב מיט אַ מאָל אָנגעהויבן צו פאַרשטיין דעם צער אויפן פּנים און די גרויסע שרעק, וואָס האָט אַרויסגעקוקט פון די אויגן פון דעם יידן, וואָס האָט מיך אָפּגעשטעלט אויף דער באַן־סטאַנציע און כ׳האָב דערפילט אַ ווייטיק אין האַרצן און אינעם האַלדז האָבן געשטיקט טרערן.

הייסט עס, אַז דער ייד אינעם מאָדנע לאַנגן ראָק און היטל האָט ווי אַ צילינדער איז געווען איינער פון זיי... איינער פון די קדושים און אַז כ׳האָב מיך געפונען אין שול צווישן די אכזריותדיק אומגעבראַכטע יידן! כ׳האָב געפילט ווי אַ צאָן קלאַפּט אין אַן אַנדערן. ווער וואָלט זיך אַזעלכעס פאָרגעשטעלט? געשטאָרבענע קומען מיט אונדז אין קאָנטאַקט! וואָס געשעט דאָ? וואָס קומט דאָ פאָר?

אַ שטילקייט, אַ שווערע שטילקייט איז אַריינגעדרונגען אין אונדזער גרופּע. איטלעכער האָט דערפילט די נישט־פּשוטקייט פון דעם, וואָס מיר האָבן זיך דערוווסט און דערפילט אַ שרעק פון געפינען זיך אויף דעם אָרט, ווו גאָר נישט לאַנג צוריק זענען די אומגעבראַכטע, צי אפשר זייערע נשמות, זיך צונויפגעקומען דאַווענען און אפשר? אפשר זענען זיי איצט אויך דאָ פאַראַן? אַרום אונדז, נעבן אונדז?...
כ׳האָב געפילט די בליקן פון איטלעכן אויף מיר, אויף דעם, וואָס איז מיט זיי געקומען אין קאָנטאַקט און האָט זיי געזען... אונדזער פירערין האָט נישט אויפגעהערט זיך צו צלמען און פון צייט צו צייט האָבן מיר געהערט איר שטילן שעפּטש:

— גאָט מיינער, גאָט מיינער!

— וואָלט איר אונדז געקאָנט ווייזן דאָס אַלטע יידישע בית־עולם? — האָב איך קוים געפונען כוח צו פרעגן די

זקנה, ווענענס בלאַסקייט האָט כסדר אָנגעהאַלטן — איך וואָלט וועלן זען די קברים פון די אומגעקומענע.

די פראַנצוזיקע האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ.

כ׳האָב איר צוגעהאָלפן זיך שטעלן אויף די פיס און מיר האָבן אָנגעהויבן פאַרלאָזן די שול. די אויפטרייסלונג פון דער זקנה איז געווען אַזוי גרויס, אַז זי איז נישט געווען בכוח זיך צו באַנוצן מיטן שליסל און איינער פון אונדזער גרופּע האָט פאַרשלאָסן די שול.

די פראַנצוזיקע האָט אונדז געפירט פּאַמעלעך איבער אַ ריי זייטיקע געסלעך און גייענדיק, האָב איך אָנגעהויבן דערציילן דעם פאַרלויף פון יענעם אויסטערלישן אָוונט, ווען כ׳בין אָפּגעשטעלט געוואָרן אויף דער באַן־סטאַנציע; דעם שווערן איינדרוק וואָס דער נישט היימלעכער ייד האָט אויף מיר געמאַכט; דאָס שוידערלעכע פירן מיך מיטן פּיאַקער; דאָס שוין גאָרנישט היימלעכע געפיל אין דער שול גופא ביים דאַווענען און די שוידערלעכע רייזע מיטן זעלבן פּיאַ־קער צוריק קיין באַזעל. כ׳האָב זיי דערציילט אַלץ, אַלץ.

הערנדיק, אַז כ׳בין אַהערגעברענגט געוואָרן פון קאָלמאַר און צוריקגעברענגט געוואָרן קיין באַזעל, האָט איינער פון אונדזער גרופּע, דער באַלעבאָס פון אויטאָמאָביל, מיך אַ פרעג געטאָן:

— דעם אָ גאַנצן וועג זענט איר געפאָרן מיטן פּיאַקער?

— יאָ, מיטן פּיאַקער.

— און וויפל צייט האָט עס געדויערט?

כ׳האָב נישט גוט פאַרשטאַנען זיין פראַגע:

— וואָס מיינט איר דערמיט?

— כ׳מיין וויפל צייט האָט געדויערט די רייזע מיטן פּיאַ־קער פון קאָלמאַר אַהער און דערנאָך קיין באַזעל?

— אַלץ צוזאַמען, די רייזע מיטן דאַוונען, אַנדערטהאַלבן שעה.

מיין פריינד איז שטיין געבליבן, גערעכנט אַ ווײַלע אינעם זכרון די דיסטאַנצן און ממש אַרויסגעפּלאַצט:

— ס'איז אויסערגעוויינטלעך! פאַנטאַסטיש! אומגלויבלעך! צי ווייסט איר, אַז איר האָט פאַר דער קורצער צייט אַדורכגעמאַכט גאַנצע הונדערט מיט נײַנציק קילאָמעטער? ווייסט איר דאָס? און דאָס אַלץ אין אַזאַ קורצער צייט? באמת, שדים האָבן געטראָגן דעם פּיאַקער, נישט אַנדערש, איצט פאַרשטיי איך אייך!

כ'האָב ביטער געשמייכלט צו זײַנע רייד און געוואָלט נאָך עפּעס צוגעבן, נאָך עפּעס דערציילן וועגן דער שרעקלעכער רייזע, נאָר עס נישט געטאָן; ווען זיי דאָס קאָנען פאַרשטיין? קאָן מען דאָס בכלל פאַרשטיין? קאָן מען דאָס גאָר איבערגעבן?

געפירט דורך דער זקנה האָבן מיר אַדורכגעשניטן אייניקע הינטערגעסלעך און אַרויסגעקומען אויף אַ פעלד. אונדזער פירערין, וואָס איז איצט געגאַנגען אָנגעשפאַרט אויף דער האַנט פון איינעם פון אונדזער גרופּע, האָט מיט אַ זשעסט פון איר האַנט געוויזן אויף עפּעס אַ נישט קלאָרע גרופּע שטיינער, וואָס האָט זיך געפונען אומגעפער אַ צוויי הונדערט מעטער פון דער וועיטנס און מיט איר שוואַכער שטימע אויפגעקלערט:

— אָט איז דאָס אַלטע איזראַעליטישע בית־עולם.

מיר זענען געגאַנגען שווייגנדיק. איטלעכער פון אונדז איז געווען אויפגערודערט פון דעם, וואָס מיר האָבן זיך דערוווסט און איבערגעלעבט. מיר האָבן געגלייבט צו פאַרברענגען אַ שיינעם אָנגענעמען טאָג און אַזוי אומגעריכט

אַרייַנגעפירט געוואָרן אין אַ וועלט, וואָס האָט באַהאַלטן אין זיך אַזוי פיל מערקווערדיקע סודות, וואָס האָבן גע־שראָקן, אָנגעוואָרפן אויף איטלעכן פּחד!

ענדלעך זענען מיר צוגעקומען צום בית־עולם.

ס׳איז געווען אַ ווייטיק צו זען דעם מצב, אין וועלכן ער האָט זיך געפונען: אוודאי איז דאָס בית־הקברות געווען אַלט, וואָרעם אויף איין שטיין האָבן מיר, כאָטש מיט שוועריקייטן, דאָך געקאָנט זען, אַז דער געשטאָרבענער איז גע־קומען צו קבר ישראל אין יאָר 1685. שוין באַלד הונדערט יאָר, אַז די לעצטע יידן האָבן פאַרלאָזט דאָס שטעטל ז. און עס איז נישט געווען ווער עס זאָל זאָרגן פאַר אויפהאַלטן די מצבות, וואָס די מערהייט פון זיי, אַלטע, גרין־געוואָרענע שטיקער שטיין באַדעקט מיט מאָך, האָבן זיך געפונען אין אַ האַלב־איינגעזונקענעם צושטאַנד. דער רעגן, דער ווינט און די צייט האָבן געטאָן די צעשטערונגס־אַרבעט און בקרוב וועלן די שטיינער אין גאַנצן פאַרזינקען און עס וועלן פאַר־שווינדן די לעצטע שפּורן זייערע.

אין אַ ווינקל פון בית־עולם, אָפּגערוקט פון אַלע אַנדערע מצבות, האָבן זיך געפונען די קברים פון די צוועלף קדושים. נאָר איינצלנע מצבות זייערע זענען נאָך געווען גוט דער־האַלטן און דער רוב האָבן קוים, קוים נאָך אַרויסגעקוקט פון דער ערד. איך בין געשטאַנען ביי די גרין־געוואָרענע שטיי־נער און געזען אין דמיון יענע נעפּלדיקע סילועטן, וואָס האָבן זיך געטראָגן אַרום מיר און אין מיין געמיט. איך האָב ווידער געהערט זייער „יישר כוח״, „יישר כוח״. אַ שוידער איז ווי אַן עלעקטרישער שטראָם געלאָפן איבער מיין לייב און עס איז מיר געווען קאַלט און וואַרעם, קאַלט און וואַרעם. כ׳האָב געקוקט אויף די מצבות און נאָר אויף צוויי פון זיי האָב איך געקאָנט איבערלייענען:

פ. נ.

הקדוש חיים יעקב בן משה

נהרג ביום ב׳, ח׳ ניסן, תקמ״ז

ת. נ. צ. ב. ה.

און

פ. נ.

הקדוש משה בן יעקב זוארמסער

נהרג ביום ב׳, ח׳ ניסן, תקמ״ז

ת. נ. צ. ב. ה.

אויף די אַנדערע מצבות, צעבראָכענע און איינגעפאַלענע, האָמ טען נאָך געקאָנט זען אָפּגעריסענע ווערטער פון עפּעס אַ נאָמען, אָדער „נהרג ביום ב׳״, אָדער דעם ת. נ. צ. ב. ה. בעתן קוקן אויף די דורך דער צייט פאַרווישטע אויפשריפטן אויף די שטיינער האָב איך מיך געפרעגט: „ווער פון די קדושים איז עס געווען מיין פירער? הינטער וועלכן שטיין געפינט זיך דאָס געביין פון יענעם פאַרפייניקטן יידן, וואָס האָט מיך געבראַכט אַהער? וועלכע מצבה איז זיינע?״

אין דעם מאָמענט איז מיר אַדורך אַ מחשבה:

„פאַר וואָס איז עס גראָד ער געווען דער שליח? איז דאָך דאָס ערגעץ ווו באַשלאָסן געוואָרן! ווער זשע האָט אַזוי באַשלאָסן? ווי אַזוי איז דאָס געוואָרן באַשלאָסן?״ גאָט מיי־נער, וואָס פאַר אַ סוד די קברים באַהאַלטן אין זיך, וואָס פאַר אַ סוד!...

כ׳האָב געפילט, אַז כ׳געפין זיך פאַר אַ תהום מיט פראַגן; ווו, ביי וועמען זוכן אַן ענטפער אויף דעם אַלעם?...

אַרום מיר האָט געהערשט אַ שווערע שטילקייט. די מצבות האָבן געשוויגן, אַזוי ווי עס קאָנען נאָר שוויגן שטיינער...

איצט איז מיר קלאָר געוואָרן... פאַר וואָס דאַן, בעתן דאַווענען... האָב איך נישט געהערט קיין קדיש־יתום; זיי... וועלן דאָך נישט זאָגן קיין קדיש נאָך זיך אַליין!

צוריק פון בית־עולם זענען מיר געגאַנגען שווייגנדיק. איטלעכער פון אונדז איז געווען שווער דורכגענומען פון זיין אויף דעם אָרט און פון זען די אַלטע חרובע קברים פון די קדושים. די זקנה האָט אונדז דאָס מאָל צוריקגעפירט דורך אַן אַנדערן וועג און ביים אַריינקומען אין שטעטל זענען מיר פאַרבייגעגאַנגען פאַר עפּעס אַ נידעריקן אָפּצוים. פּלוצעם האָב איך אַ צאַפּל געטאָן מיטן גאַנצן קערפּער, אַ היץ האָב איך געפילט באַשלאָגט מיך פון קאָפּ ביז פיס:

— דער פיאַקער, דער פיאַקער! — האָב איך ווילד געשריגן — אָט איז ער, אָט איז דער פיאַקער!

פון יענער זייט אָפּצוים, אונטער אַ בלעכן דעכל, איז געשטאַנען אין אַ פאַרלאָזטן צושטאַנד אַן אַלטער, אָפּבלאַקירטער, נאָר גוט דערהאַלטענער פיאַקער.

כ׳האָב געפילט, אַז אַלץ קערט זיך אין מיר איבער.

כ׳האָב אים באַטראַכט מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם און געזען, אַז ער איז ווי יענער, אין גאַנצן, אין גאַנצן ווי יענער...

כ׳בין געשטאַנען אַרומגערינגלט פון דער גרופּע פריינד, וואָס אַלע זענען זיי געווען אויפגעטרייסלט פון מיין געשריי, און נישט געוווסט וואָס כ׳זאָל אָנהייבן צו טאָן.

— דאָס איז דער פיאַקער פון אונדזער געוועזענעם מער, וואָס איז מיט אייניקע יאָר צוריק געשטאָרבן — האָט מיט אַ געבראָכענער שטימע אויפגעקלערט אונדזער פירערין — זיינע קינדער פאָרן אין אויטאָמאָבילן. שטייט ער דאָ די גאַנצע צייט. נישטאָ קיין אַמאַטאָרן אויף אים.

כ׳האָב מיך אָנגענומען מיט כוח. אַריבערגעשפּרייזט דעם נידעריקן אָפּצוים און פאַמעלעך, זייער פאַמעלעך מיך דערנענטערט צום פיאַקער, ווי מורא געהאַט ער זאָל זיך אַ מאָל נישט אַ ריס טאָן פון פלאַץ און געזען אונטן, צופוסנס פון

פאָדערשטן געזעס ליגן אַ לענגלעך שטיקל האָלץ... כ׳האָב געמאַכט נאָך אַ שריט און דערקענט... דאָס צווייגל, וואָס דער אומהיימלעכער ייד האָט געהאַלטן אין זיין אויפגעהויבע־נער האַנט בעתן פאָרן. דאָס איז געווען דאָס זעלבע שטיקל האָלץ. נישט געווען מער צווייפלען, אַז כ׳געפין מיך ביים פיאַקער, וואָס איז גענוצט געוואָרן אין יענעם אויסטערלישן אָוונט.

פלוצעם האָב איך מיך עפּעס דערמאָנט:

— די פעדער, די פעדער — האָב איך אויסגעשריגן און האָב אַ שפּרונג אַרויף געגעבן אויפן פיאַקער. כ׳האָב אָנגע־הויבן זוכן אין די שפּאַרעס אַרום געזעס; מיט שרעק אַריינ־געטאָן דאָרט מיינע פינגער און פלוצעם דערפילט עפּעס אַ האַרטע זאַך; כ׳האָב עס אַ שלעפּ אַרויס געטאָן און דערזען מיין גאָלדענע פילפעדער, וואָס האָט געפינקלט אין דער זון...

אַלע אַרום מיר האָבן פאַרלוירן דאָס לשון.

אויב עמעצער פון דער גרופּע האָט נאָך געהאַט אַ שטיקל צווייפל אין דער ריכטיקייט פון מיין אויסטערלישער איבער־לעבונג, אַז כ׳בין געווען אין די הענט פון אַ נישט געוויינט־לעכן כוח, איז ביים דערזען דאָס אַרויסבאַקומען פון פיאַ־קער די גאָלדענע פעדער, וואָס האָט איצט געשפּיגלט אין מיין האַנט, ביי זיי פאַרשוווּנדן יעדער ספק אין דער אמת־דיקייט פון מיין איבערלעבונג.

פון די אויפטרייסלונגען מיינע האָב איך געפילט ווייטיקן אין אַלע אברים. דאָס האַרץ האָט געצאַפּלט, גרייט אַרויס־צושפּרינגען און אין די שלייפן האָט געהאַקט ווי מיט האַ־מערס. כ׳האָב מיך קוים, קוים געהאַלטן אויף מיינע פיס און געמאַכט איבערמענטשלעכע אָנשטרענגונגען כדי נישט צוזאַמענברעכן זיך.

— — — — — — — — — — — — — —

דאַרף איך נאָך דערציילן אין וואָס פאַר אַ שטימונג מיר האָבן פאַרלאָזט דאָס שטעטל?

אוודאי קאָנט איר מיך חושד זיין, אַז דאָס געהערטע איז נישט מער ווי אַ פאַנטאַסטיש־צוגעטראַכטע מעשה פון אַ מענטשן, וואָס איז נישט ביי די קלאָרע געדאַנקען. איר קאָנט איצט טראַכטן פאַרשידנס, נאָר דאָס ענדערט נישט אויף קיין האָר די אויטענטישקייט פון דעם נאָר וואָס געהערטן, וואָס איך האָב דאָ, נישט לאַנג צוריק, איבער־געלעבט.

פאַראַן אין דער, דורך מיר איבערגעלעבטער באַגעגעניש מיט יענע לייט... אַ זאַך, וואָס לאָזט מיך נישט צורו, וואָס מאַטערט מיך ביז גאָר און די זאַך איז פאָלגנדיקע:

ווי איך פאַרשטיי פון דעם איבערגעלעבטן, נעמען זיך דאָך צונויף די נשמות פון די צוועלף קדושים יעדעס יאָר, כדי צו דאַווענען בציבור אין טאָג פון זייער אומקומען און זיי ברענגען פון ערגעץ ווו אַ צענטן יידן... אַזוי איז עס געווען דאָס יאָר... אַזוי מיט אַ יאָר צוריק, מיט צוויי יאָר צוריק, מיט דריי, מיט פיר, מיט פינף יאָר און אַזוי כסדר... דאַרפן זיך דאָך ערגעץ ווו געפינען יידן, וואָס האָבן אַזוי ווי איך, בייגעווווינט, מיטגעמאַכט אַזאַ דאַווענען... איז ווו זענען זיי? ווו געפינען זיי זיך? האָבן זיי אויך איבערגעלעבט דעם גאַנצן שרעק און גרויל אַזוי ווי איך? לעבן זיי אויך ערגעץ מיטן פאַרדאַכט, אַז דאָס וואָס איז מיט זיי געשען, איז שוין ווייט נישט געווען קיין פשוט דאַווענען? וואָס טראַכטן און וואָס פילן זיי? אַך, איר הערט, כ'וואָלט אַוועק־געגעבן אַ סך, אַ סך, צו באַגעגענען כאָטש איינעם פון די דאָזיקע יידן, כאָטש איינעם!

פאַריז, 1960.

ל י י ב

(דערציילונג)

ס׳איז געווען זומערצייט פון יאָר 1957, אַז כ׳האָב מיך צום סאַמע ערשטן מאָל געפונען אין ישראל. ערב מיין צו־ריקפאָרן קיין אייראָפּע, בין איך געקומען אויף אַ מעת־לעת נאָר קיין ירושלים, כדי נאָך אַ מאָל צו זיין אין אירע מויערן, וואַרפן אַ לעצטן בליק אויף דער שטאָט, וואָס בלויז דער נאָמען אירער רופט אַרויס אַ ציטער אין יידישע הער־צער, צו דערפילן די רייד פון די ירושלימער שטיינער און כדי מיך אויך צו געזעגענען מיט מיין פריינד לייב און זיין משפחה.

בין איך איצט, אָונטצייט, געזעסן אַנטקעגן איבער לייבן און געקוקט אין זיין פריינדלעך־וואַרעם פּנים און באַדויערט, וואָס צו אונדזער זען זיך נעמט אַ סוף, וואָרעם מאָרגן פרי, וועל איך מיך געזעגענען מיט אים, מיט זיין פרוי אסתר און מיט זיינע באַטעמטע קינדערלעך רבקהלע און שיעלע, כדי אומצוקערן זיך קיין תל־אביב און גלייך דערנאָך קיין חיפה צו דער שיף, וואָס וועט מיך ברענגען צוריק קיין אייראָפּע.

כ׳האָב מיך בריוולעך געהאַט פאַרשטענדיקט מיט לייבן, צו זיין ביי אים אין שטוב ערשט אַרום זעקס אַ זייגער אָוונט, ווען ער איז שוין פריי פון זיין באַשעפטיקונג, אָבער קיין

ירושלים בין איך געקומען אַרום ניין אַ זייגער פרי און אויף דאָס ניי געשפּאַנט איבער די גאַסן און ווינקעלעך פון דער שטאָט. כ׳האָב געקוקט אויף די נישט ווייטע אַלטע טערקישע פעסטונגס־מויערן, וואָס האָבן פאַרבאַהאַלטן הינטער זיך דאָס אַלטע ירושלים מיט אַלע פאַר אונדז יידן הייליקע און על פּי נס נאָך, איינגעהיטע ערטער פון אונדזער ווייטער פאַר־גאַנגענהייט.

ס׳האָט ווי געטאָן דאָס נישט קאָנען זיין אויך אין יענער זייט פון דער פעסטונגס־מויער. ווען ירושלים בלייבן אַזוי צעטיילט און אָפּגעריסן פון אונדז? אָדער עס וועט אַ טאָג אַ סוף נעמען צו דעם מצב? — האָב איך מיך געפרעגט אין האַרצן.

אַן אויטאָבוס האָט מיך אוועקגעפירט אין מאה שערים ווו כ׳האָב אַ הנאה געהאַט פון זען די גרויסע צאָל באַבערדלטע יידן פון קוואַרטאַל, פיל פון זיי אין קאַפּעטעס און גערייפטע קאַפּעלושלעך. כ׳האָב מיך צוגעקוקט צו באַגעגנטע יידן אין שטריימלעך, וואָס האָבן געאיילט ערגעץ ווו, צו די אָנגעטראָ־פענע יינגלעך אין קאַפּעלעך אויף די קעפּלעך, מיט שיינע פּאהלעך און אַרויסהענגענדיקע אַרבע כנפותלעך, צו די באַ־חנטע יידישע פרויען און מיידלעך, אַלע אָנגעטאָענע אין לאַנגע קליידער און לענגלעכע אַרבל וואָס האָבן פאַרדעקט זייערע אָרעמס.

כ׳בין פאַרביי געגאַנגען פאַר אַ ריי שולן, מיך פאַרהאַלטן פאַר בתי מדרשים און תלמוד־תורה׳ס, מיך איינגעהערט אין די שטימען פון די לערנער, וואָס האָבן זיך פון דאָרט דערטראָגן. ס׳איז געווען אַזוי גוט צו הערן די דאָזיקע לערן־ניגונים, וואָס כ׳האָב געקענט נאָך פון די גאָר יונגע יאָרן מיינע, אָבער וואָס זינט מיין פאַרלאָזן, מיט אַזוי פיל יאָרן צוריק, פּוילן, איז מיר זעלטן אויסגעקומען צו הערן.

אַ ביסל שפּעטער האָב איך מיך געפונען ביי די סנהדרין־קברים, כמעט אויף דער סאַמע גרענעץ־ליניע, וואָס האָט אָפּגעטיילט דאָס אָרט פון די ירדנער. כ׳האָב מיך דאָ געפונען ממש איינער אַליין. אַרום האָט געהערשט אַ טיפע שטילקייט וואָס פלעגט פון צייט צו צייט, אויף אַ ווײַלע גאָר, איבערגעריסן ווערן דורך אַ קורצן געוויש פון עפּעס אַ נישט ווייטן אויטאָ.

כ׳האָב געקוקט אויף די פאַרבליבענע און דורך אַ נס אָפּגעשוינטע שטיין־שניצערייען, מיט וועלכע עס זענען געווען באַדעקט די אַריינגענג צו די קברים־היילן, וואָס שטאַמען נאָך פון די צייטן פון די חשמונאים, באַזונדערס דעם עסטעטיש־דעקאָראַטיוון חוש פון יענע ווײַטע יידן און זייער כוח בכלל, אויסצוהאַקן אין דעם האַזיקן שטיינערנעם באָדן די טונקעלע לאַבירינטן און קברים־לעכער, וואָס אַנטפּלעקן זיך דאָ פאַרן באַזוכער.

— ווער זענען עס געווען די סנהדרין־לייט פון צווייטן בית־המקדש, וואָס זענען דאָ געקומען צו קבורה? — האָב איך מיך געפרעגט, אָן צו באַקומען אַן ענטפער; ס׳איז דאָ נישט געווען קיין שום אויפשריפט, קיין יידישער אות, וואָס זאָל עפּעס דערציילן וועגן זיי. אוודאי האָט מען דאָ שוין געזוכט און גענישטערט, אַלץ צעגראָבן און צעטראָגן און דאָך, ווער ווייסט וויפל סודות די דאָזיקע קאַטאַקאָמבן פאַרבאַהאַלטן נאָך אין זיך?

כ׳האָב מיך צוגעשפּאַרט אויף אַ שטיין און, אין דער הערשנדיקער שטילקייט, געקוקט אויף דעם וואונדערלעך שיינעם פּייזאַזש וואָס אַנטפּלעקט זיך פון דאַנען, אין די ווייטע בערג, פון וועלכע עס האָט זיך אַזוי שיין אויסגעטיילט אַ טורעם פון אַ ווייטן מעטשעט, וווּ ס׳זאָל, ווי עס באַהויפּטן עס מוסולמענישע קוועלן, זיך געפינען דאָס קבר פון שמואל הנביא.

ס׳איז שוין געווען באַלד איינס אַ זייגער פון אַ הייסן, ברע־נענדיקן טאָג, אַז אַן אויטאָבוס האָט מיך צוריקגעברענגט אין צענטער פון שטאָט און נאָכן האָבן מיך אָפּגערוט און אָפּ־געקילט אין אַ שטילן רעסטאָראַן אין דער טומלדיקער דרך יפו, האָב איך אויף דאָס ניי אָנגעהויבן מיין וואַנדערן איבער ירושלים.

כ׳בין פאַרביי דעם מלך דוד־האָטעל, וואָס האָט מיך, צום ווייפלטן מאָל שוין, דערמאָנט אינעם באַמבן־אַטענטאַט וואָס די קעמפער פאַר אַ יידיש לאַנד האָבן דאָ אַ מאָל אַדורכגעפירט, קעגן דעם ענגלישן אָקופּאַנט. גלייך דערנאָך האָב איך פאַרביי־געשפּאַנט פאַר דער איבערבלייבעניש פון דער מאָנטעפיאָרע־מיל, וואָס איז דאָ אויפגעשטעלט געוואָרן מיט אַריבער הונ־דערט יאָר פריער, ווען דער גרויסער עסקן האָט זיך גע־פונען אין ארץ ישראל, אין שייכות מיט אַ דאַן פאָרגעקו־מענעם בלוט־בלבול אויף אונדזער פאָלק, איינער פון יענע בלבולים וואָס די קריסטלעכע וועלט האָט זינט הונדערטער יאָרן אויסגעטראַכט אויף אונדז און וואָס האָט זיך אין פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט אָפּגעשפּילט אין נישט ווייטן סיריע, ווהין משה מאָנטעפיאָרע האָט געאיילט, כדי אויסצו־פועלן ביי די דאָרטיקע הערשער, די באַפרייאונג פון די אומשולדיקע יידן.

גלייך נאָכן פאַרלאָזן דאָס איבערבלייבעניש פון דער אַזוי גערופענער מאָנטעפיאָרע־מיל, האָב איך מיך פאַרהאַלטן ביי שווערע, גרויסע שטיינער, וואָס פאַרצוימען דעם וועג צו אַ הייל, וואָס ווערט מיט רעכט אָדער אומרעכט, באַטראַכט אַלס דאָס קבר פון מלך הורדוס און אפילו אויך פון דער, דורך אים אומגעבראַכטער פרוי זיינער מרים, פון דער חשמונאים־משפחה.

דער מלך הורדוס!

כ׳האָב געטראַכט וועגן די מערקווערדיק־פּאַטאַלע בלעטער, וואָס ער האָט אַריינגעשריבן אין אונדזער געשיכטע און ווי אין פיל אַזעלכע מאָמענטן, מיך געפרעגט: „איז עס טאַקע דאָס קבר פון הורדוסן?".

די מעשה, אַז מיר געפינען זיך דאָ ביים קבר פון מלך און אפילו אויך פון דער טראַגיש אומגעקומענער מרים, נעמט זיך דאָך פון יוסיפוס פלאַוויוס, בעת עס זענען פאַראַן ערנסטע קוועלן וואָס באַהויפּטן, אַז הורדוס איז גאָר געקומען צו קבורה ביי יריחו.

אַך, די רעטענישן און פרעג־צייכנס פאַר וועלכע מיר גע־פינען זיך, שפּאַצירנדיק איבער ירושלים!

דאָ, האָב איך מיך אויף דאָס ניי געפונען אַנטקעגן די אַלטע טערקישע פעסטונגס־מויערן און געזען דעם מגדל דוד, איי־ניקע קירכע־שפּיצן, וואָס הייבן זיך דאָ אַרויס פון יענער זייט מויער און אויף דאָס ניי געטראַכט וועגן דער צעטיילונג פון ירושלים, וועמענס אָפּצוימונג געפינט זיך נישט ווייט פון דאַנען. וועלן יידן נישט קאָנען מער צוקומען צום הר הבית? צום כותל המערבי? וועלן מיר טאַקע בלייבן אָפּגעשניטן פון אַלטן לעגענדאַר־באַרימטן הר הזיתים, וואָס ווערט, ווי עס דערגייען ידיעות, כסדר געשענדעט דורך די ירדנער?

וועט עס שוין אַזוי בלייבן?

ס׳איז שוין געווען פיר אַ זייגער נאָך מיטאָג. כ׳האָב נאָך געהאַט פאַר מיר גענוג צייט. כ׳בין אַוועק צום הר ציון, אַרויפגעקלעטערט אויף דער מאָסע שטיגן און מיך אויף דאָס ניי געפונען ביים קבר פון מלך דוד.

כ׳האָב דאָ אָנגעטראָפן יידישע מענער און פרויען שטאַרק אײ־בערגענומענע און טיף שווייגנדיקע, פול מיט דרך־ארץ צום דאָזיקן אָרט. אייניקע מענער און פרויען האָבן אַריינגעקוקט אין

ספרימלעך, וואָס ליגן דאָ אײַן אַ זייט, אָנגעגרייט פאַר באַזוכער, וואָס קומען אַהער פון גאָר דער וועלט.

„געפין איך מיך טאַקע ביים באַרימטן קבר פון דוד׳ן, וועלכער האָט אויסגעמיטן די פייל פון שאול המלך און דערנאָך, אַליין געוואָרן מלך איבער די יידן" — האָב איך נישט געקאָנט נישט טראַכטן, „איז עס טאַקע דאָס קבר פון זעלבן דוד, דעם מחבר פון תהלים, וועמענס נאָמען איז אַזוי באַרימט אין דער וועלט? דער העלדישער באַזיגער פון גליתן, וואָס אינטריגירט אויך די וועלט פון קונסט?" און ס׳איז מיר געקומען אויפן געדאַנק די פּרעכטיקע סטאַטוע געשניצט דורך מיקעל אַנדזשעלאָ, וואָס מיר זעען און באַוואונדערן אין פלאָרענץ.

„אונדזער געשיכטע — האָב איך געטראַכט — פאַרמאָגט אַזוי פיל אויסטערלישע און אַזוי פיל ווייטע געשעענישן און אַזוי פיל נישט קלאָרקייטן. לעגענדעס וואָס ווערן געהאַלטן פאַר אמתן און מעגלעך אויך, אמתן וואָס ווערן געהאַלטן פאַר לעגענדעס. אַ געשיכטע מיט אַזוי פיל פּרעגצייכנס אָן צו וויסן עפּעס זיכערס וועגן דעם אָרט, וואָס גייט אָן, זינט טויזנט יאָר, אַלס דאָס קבר פון דעם מלך און דיכטער.

די שטילקייט וואָס האָט דאָ געהערשט, די ברענענדיקע ליכט, דער דרך־ארץ וואָס יעדער דאָ, האָט אָפּגעפילט צו דעם אָרט, די תפילות אַרום מיר, אַרויסגעברענגטע בלויז דורך אַ שטילן שעפּטש פון קוים זיך באַוועגנדיקע ליפּן, די פאָרכטיקע בליקן מיט וועלכע מען האָט געקוקט אויף די קרוינען, וואָס האָבן זיך דאָ געפונען אויסגעשטעלטע אויף אַ טעפּיך, וואָס באַצירט די שטיינער הינט וועלכע עס זאָל זיך געפינען דאָס קבר פון מלך, דאָס אַלץ האָט געוועקט אַן אינערלעך טיף געפיל, אַז מען געפינט זיך באמת ביים קבר פון דוד המלך.

פאַרלאָזנדיק דאָס אָרט, האָב איך ווייטער געקלעטערט אויף שטיגן, ווו אַרויפשטייגנדיק אַביסל העכער, אַנטפּלעקט זיך אַן אויסזיכט אויף דעם אַלטן ירושלים, מיט זיינע מעטשעטן און קירכע־טורעמס. טראָץ דעם וויסן אַז עס איז אומזיסט, האָב איך דאָך פּראָבירט זוכן דעם כותל המערבי, אָבער די וואַנט איז געווען אָפּגעשניטן נישט נאָר פאַר יידישע מענטשן, נאָר אפילו פון יידישע אויגן.

ס'איז שוין געווען נאָענט צו זעקס אַ זייגער אָוונט, אַז כ'האָב פאַרלאָזט דעם הר ציון און מיך אויף דאָס ניי גע־פונען אין דעם נידעריקן טייל פון דער שטאָט. איך בין איינגעשטיגן אין אַן אויטאָבוס, וואָס איז געפאָרן אין דער ריכטונג פון קטמון און אין קורצע מינוטן אַרום האָב איך מיך שוין געפונען נאָענט צו דער רחוב יורדי הסירה, אַ קליין געסל אין וועלכן עס האָט געוווינט לייב.

סאַראַ מערקווערדיקע שטאָט ירושלים! וויפל יידישע גע־שיכטע יעדער שריט דאָ, יעדעס אָרט, דערציילט פון ווייטן אַמאָל און אפילו אויך פון העראָאישן יידישן מאַרטירערטום, פון היינט, פון נאָר וואָס.

האָב איך דען געקאָנט נישט טראַכטן, אַז דאָ, אויף דער דאָזיקער ערד פון קטמון, וואָס געפינט זיך כמעט ביים עמק רפאים, האָט אַ מאָל אַ מאָל, דוד המלך געפירט די לעצטע קאַמפן קעגן די פלישתים, כדי אָפּצונעמען פון זיי די שטאָט און אַז סך הכל מיט נישט קיין גאַנצע צען יאָר צוריק, האָבן יידישע קעמפער זיך דאָ אויף דאָס ניי געשלאָגן און פאַר־גאָסן זייער בלוט, ביים פאַרטיידיקן זיך און ביים פאַרטרייבן די אַראַבישע איבערפאַלער.

הייליקע, מיט יידישער געשיכטע און מיט יידיש בלוט דורכגעווייקטע ערד!

לאַנגזאַם האָב איך מיך דערנענטערט צום הויז, אין וועלכן

עס האָט זיך געפונען לייבס וווינונג. כ׳בין געגאַנגען פּאַ־מעלעך און געטראַכט וועגן יענע דריי און צוואַנציק יידישע הגנה־בחורים וואָס האָבן אין דער נאַכט פון 18־טן מאַי 1941 בעת דער מלחמה מיט היטלער־דייטשלאַנד, זיך אַרויסגעלאָזט אויף אַ שיפל פון חיפה, כדי צו דערגרייכן דעם סירישן ברעג, וו זיי האָבן געדאַרפט אַדורכפירן אַ געוויסע דיווער־סאַנטן־מיסיע קעגן די נאַציס און פון וועלכער קיין איינער איז מער נישט צוריקגעקומען. ביז היינט צו טאָג איז זייער גורל און אופן פון אומקומען, פאַרבליבן אַ טראַגישער סוד.

און דאָס ירושלימער געסל אין וועלכן לייב האָט געוווינט, טראָגט טאַקע דעם נאָמען, וואָס דערמאָנט די פאַרבייגייער וועגן די אומגעקומענע.

און אַז כ׳האָב אָנגעקלונגען ביי לייבס טיר, איז ער ווי כ׳האָב עס געגלייבט, שוין געווען צוריק פון זיין באַשעפ־טיקונג און געווען פאַרנומען מיט געבן עסן די קינדערלעך זיינע, וואָרעם אסתר, זיין פרוי, ווי כ׳האָב עס מיך ערשט איצט דערוווּסט, איז שוין אייניקע טעג געווען נישט געזונט און לויט דעם שטרענגן אָנזאָג פון דאָקטער, געמוזט בלייבן אין בעט.

מיר האָבן זיך באַגריסט אָן רייד. בלויז דאָס שמייכל אויף לייבס פּנים און אסתרס בליק, האָבן מיר געוויזן ווי ווייט זיי זענען געווען צופרידן מיך צו זען.

— איז ווי זשע פילט איר אייך? — האָב איך געפרעגט ביי דער קראַנקער, וואָס איז געלעגן אַ שטילע, אָן אָפּגע־שוואַכטע, מיט פלעמלעך אין פּנים פון אַ געהעכערטער טעמפּעראַטור און מיט פינקלענדיקע אויגן זיך צוגעקוקט, ווי אַזוי לייב פאַרנעמט זיך מיט די קינדער, גיט זיי צו עסן און זוכט דערביי מיט פאַרשידענע רייד צו צוימען זייער ענערגישע רירעוודיקייט. אויסנוצנדיק יעדע מעג־

לעכע רגע האָט לייב גלייכצייטיק אויך געטאָן אַ ריי אַנ־דערע שטוב־אַרבעטן, כדי אַריינצוברענגען אַ שטיקל אָר־דענונג, אין דער צוליב אסתרס קראַנק זיין אָפּגעלאָזטער שטוב.

— ס׳איז מיר דוכט זיך אַ ביסל לייכטער — האָט די קראַנקע זיך אָפּגערופן און פּראָבירט שמייכלען. אָבער איר שוואַכע שטימע און רויטלעכע פלעקן אין איר פּנים, האָבן מיר געוויזן, אַז זי גופא גלייבט נישט אין אירע אייגענע רייד, אַז זי זאָגט אַזוי, כדי צו באַרואיקן לייבן.

— נו, געמאַכט אַ שטיקל שפּאַציר איבער דער שטאָט?
— האָט לייב מיך אַ פרעג געטאָן, נישט אָפּשטעלנדיק אויף קיין רגע זיינע טועכצן.

— געמאַכט אַ שפּאַציר, ווי דען אַנדערש? — האָב איך מיך אָפּגערופן — כ׳פּאָר דאָך שוין אָפּ. אָבער ווען איך וואָלט געוווסט, אַז אסתרל איז נישט געזונט, וואָלט איך דאָ געווען גלייך אין דער פרי.

— גוט האָט איר געטאָן וואָס איר האָט שפּאַצירט אי־בער ירושלים — האָט זיך אסתרל אָפּגערופן און צוגעגעבן — אַז כ׳זאָג אייך אַז כ׳פיל מיך בעסער!

כ׳האָב מיך אַוועקגעזעצט נעבן איר בעט און אויף איר ביטע, דערציילט, ווי אַזוי דער טאָג איז מיר פאַרביי. רעדנ־דיק צו איר, האָב איך מיך כסדר צוגעקוקט צו לייבן וואָס האָט נישט גערוט קיין אויגנבליק און מיט אַ שמייכל, וואָס איז בכלל נישט אַראָפּ פון זיין פאַרשוויצט פּנים און שטערן, כסדר עפּעס געטאָן. לסוף האָט ער אָנגעהויבן גרייטן דאָס אָונט־ברויט פאַר אונדז, דערוואַקסענע.

— איר מוזט שוין זיין גוט הונגעריק — און ער האָט מיך באַרואיקט, — מיר זעצן זיך גלייך צום טיש.
— לייב — האָב איך צו אים גערעדט — גלייבט מיר,

אַז כ׳בין אַבסאָלוט נישט הונגעריק. פאָלגט מיך און רוט אייך אַ ביסל אָפּ. איר זענט אין גאַנצן באַדעקט מיט אַ שווייס. איר קומט פון אַ טאָג אַרבעט און אויך איצט זענט איר כסדר פאַרנומען מיט פאַרשידענע טועכצן. לייב, זעצט אייך אַ ביסל צו, רוט אייך אָפּ!

לייב איז געווען אַ ייד פון פוילן, וואָס האָט אין די נאַציישע מלחמה־טעג אַדורכגעמאַכט פיל גרוילן און אַ צייט לאַנג אויך געווען אויסבאַהאַלטן אין שוידערלעכע באַדינגונגען ביי פוילישע פויערים. נאָך דער אַדורכגעמאַכטער מלחמה, איז ער אַ לענגערע צייט געלעגן אין אַ סאַנאַטאָריום אין דער שווייץ, ביז ער האָט זיך צוריקגעשטעלט אויף די פיס. אָבער ער איז פאַרבליבן אַ פיזיש־אָפּגעשוואַכטער און געדאַרפן אַ סך רוען, אַכטונג געבן אויף זיין געזונט. איז עס אָבער נישט געווען אין זיין כאַראַקטער. ער האָט צום ווינציקסטן געטראַכט און געזאָרגט וועגן זיך, וועגן זיינע פערזענלעכע באַקוועמלעכקייטן. ער איז געווען אַ ביז גאָר מיטפילנדיקער און שטענדיק גרייט, נישט שוינענדיק זיך, צו העלפן אַ מענטשן וואָס נייטיקט זיך נאָר אין עפּעס.

אַזוי האָט ער אויך אין זיין ביוראָ געאַרבעט אָן זיך צו שוינען. זיין באַשעפטיקונג האָט אים אויך כסדר געהאַלטן אין קאָנטאַקט מיט מענטשן פון חוץ לארץ. ער האָט געוווּסט די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון זיינע אויפגאַבן און קיין מאָל נישט געטראַכט אַז ער טאָר נישט מיסברויכן מיט זיינע כוחות. אָבער אין די לעצטע טעג צוליב אסתרס קראַנק ווערן, פלעגט ער זיך אויפהייבן אַ סך פריער זוי געוויינטלעך, פאַרזאָרגן די קינדערלעך ביז זייער אַוועקגיין אין שול און בכלל געמוזט טאָן פאַרשידענע שטוב־אַרבעטן. דאָס אַלץ האָט אים אַזוי פאַרמאַטערט, אַז אין טאָג פון מיין קומען קיין ירושלים האָט ער צוויי מאָל גע־

חלשט אין ביורא, אָבער אַ היים קומענדיק, האָט ער, כדי נישט צו באַאומרואיקן די קראַנקע, מיט קיין איין וואָרט נישט איבערגעחזרט פאַר איר, וועגן דעם, וואָס עס איז מיט אים געשען. נישט געקוקט אויף דעם שווייס אויף זיין פּנים און שטערן, האָט ער נישט גערוט קיין מינוט און קענענדיק זיין שוואַך געזונט, האָב איך אייניקע מאָל פּראָבירט אים בעטן זיך אָפּצורוען, נאָר ס׳איז געווען אומזיסט. ערשט ווען די קינדער זענען שוין געווען אין זייער שלאָף־חדר און אסתר האָט געהאַט אָפּגעגעסן, האָבן מיר ביידע, אַרום ניין אַ זייגער, זיך געזעצט צום אָוונט־ברויט און עסנדיק, זיך געטיילט מיט אונדזערע איבערלעבענישן, באַגעגענישן און איינדרוקן פאַר די לעצטע פּאָר טעג. ערשט דאָ, ביים עסן, האָט ער מיר שטיל און אויף דער גיך, דערציילט וועגן זיין אַוועקחלשן היינט.

אַז מיר האָבן געענדיקט דאָס נאַכטמאָל איז אין דרויסן שוין געווען גוט טונקל. זעענדיק לייבס מידקייט, וואָס ער האָט שוין נישט געקאָנט מער אויסבאַהאַלטן, האָב איך צו אים גערעדט:

— אַ שאָד, אַ גרויסער שאָד, וואָס איך פאַרלאָז מאָרגן פּרי ירושלים און מיר האָבן אַזוי ווייניק צייט פאַר זיך און דאָך וואָלט איך געוואָלט איר זאָלט זיך לייגן. ס׳איז אַזוי וויכטיק פאַר אייך.

כ׳האָב געזען זיין אָנשטרענג זיך צו האַלטן.

— אַז מיר האָבן אייך אויף דאָס ניי ווי אַ גאַסט — האָט זיך לייב אָפּגערופן — דערצו נאָך, אויף אַזאַ קורצע פּאָר שעה און ווער ווייסט ווי לאַנג עס קאָן דויערן ביז מיר וועלן זיך ווידער אַ מאָל זען, ווילט איר כ׳זאָל מיך לייגן?

כ׳האָב לייבן ביז גאָר ליב געהאַט און אים געשעצט פאַר

זיין אײדלקייט און גוטסקייט. אוודאי וואָלט געווען גוט, ווען קומענדיק צו זיי, וואָלט איך געטראָפן אסתרן אַ געזונטע און אים, לייבן, נישט אַזאַ פאַרמאַטערטן און אויסגעשעפּטן ווי דאָס מאָל. ליידער, בין איך געקומען צו זיי אין אַזאַ שווין ווייט נישט לייכטן מאָמענט.

— אַט רוען מיר דאָך איצט — האָט לייב זיך אָפּגערופן — און מיר האָבן פאַר זיך אַ גאַנצע נאַכט, אַ גאַנצע נאַכט — האָט ער איבערגעחזרט און פראָבירט מיך פאַרזיכערן, אַז ער פילט זיך איצט נישט שלעכט, טראָץ דעם שווערן טאָג, וואָס ער האָט היינט געהאַט.

פון זייטיקן צימער אין וועלכן עס האָבן גערוט די קינ־דער, האָט מען שוין איצט נישט געהערט מער קיין שאָרך. אסתר איז געלעגן אויף איר געלעגער און געדרימלט פון שוואַכקייט. אין צימער, ווי אין דרויסן, איז שוין געווען פינצטער. אַ ליכטיקע לבנה האָט באַלויכטן דאָס געסל, פון וועלכן עס האָט זיך נישט געהערט דער מינדסטער גע־רויש. לייב האָט אָנגעצונדן נעבן אסתרלס בעט אַן עלעקטריש שטיי־לעמפּל וואָס האָט צוליבן אַבאַזשור שוואַך באַלויכטן דאָס צימער.

ביידע זענען מיר געזעסן אין שאָטן און שטיל, זייער שטיל גערעדט צווישן זיך, כדי נישט שטערן דער קראַנ־קער, וואָס פלעגט אָבער פון צייט צו צייט, זיך אָפּרופן מיט אַ וואָרט און אַזוי אַרום אונדז געלאָזט הערן, אַז זי נעמט פּאָרט אָנטייל אין אונדזער שמועס.

פלוצעם איז די דרויסנדיקע שטילקייט איבערגעריסן גע־וואָרן פון עפּעס אַ מאָדנע דינעם קוויטש, וואָס האָט זיך איבערגעחזרט צוויי מאָל און אַנטשוויגן געוואָרן.

— איר ווייסט וואָס דאָס איז פאַר אַ קוויטש? — האָט מיך לייב אַ פרעג געטאָן.

— אַ קאַץ, מיין איך.

— ניין, — זאָגט לייב — ס׳איז אַ געשריי פון אַ שאַקאַל. איצט, זומערצייט, הערט מען זיי זעלטן, אָבער מען הערט זיי פאָרט .

און ווידער אַ טיפע שטילקייט.

— לייב, אפשר לייגט איר איך פאָרט? — האָב איך אים אַ פרעג געטאָן. כ׳בין באמת געווען אומרואיק פאַר זיין געזונט.

— הערט אויף, איר זעט דאָך אַז כ׳רו איצט, אַז כ׳טו גאָרנישט. איז פאַר וואָס ווילט איר שטערן דאָס פאַרגעניגן וואָס מיר האָבן פון זיין צוזאַמען? — האָט לייב, מיט אַ פאָר־וורף אין זיין שטימע, גערעדט צו מיר.

אין דעם מאָמענט האָט זיך דערהערט אַ קלונג ביי דער טיר.

אסתר האָט אויפגעריסן אירע אויגן און געפרעגט:

— לייב, ווער זאָל עס זיין?

אַלע האָבן מיר זיך איבערגעקוקט. ווער זאָל עס טאַקע זיין? וואָרעם ס׳איז שוין נאָך צען אַ זייגער אָוונט. ווער זאָל עס איצט קלינגען?

— אַזאַ שפּעטער באַזוך? — האָט זיך לייב געוווּנדערט. ער איז אויפגעשפּרונגען פון שטול און אַריין אין פאָדער־צימער, צו דער טיר.

מיר האָבן געהערט לייבן עפענען די טיר, רעדן מיט אי־מעצן, דאָס צוריק פאַרמאַכן די טיר און גלייך דערנאָך איז לייב צוריקגעקומען אין דער באַגלייטונג פון אַ פרוי.

— קומט אַריין, קומט אַריין — האָט לייב גערעדט צו דער שפּעט געקומענער, וואָס איז נישט דרייסט אַריבער די שוועל פון צימער. ער האָט געענדערט די פּאָזיציע פון

אַבאַזשור־לעמפּל, באַלייכטנדיק אַ ביסל מער דאָס צימער און די קראַנקע אין שאָטן — זעצט אייך, זעצט אייך קודם כל צו. איך פּיל אַז איר זענט מיד, איר קאָנט קוים רעדן, רוט אייך אָפּ אַ ווײַלע — האָט לייב, אַליין אַ שוועך פאַר־מאַטערטער, געזעדט צו דער פּריש־געקומענער, איר צו־געריקט אַ שטול און געוואַרט זי זאָל זיך זעצן.

די פּריש־געקומענע, אַ פרוי נאָענט צו די פופציקער, האָט געטראָגן אויף זיך אַ לייכטן טונקלען מאַנטל און אַ טונקלען שאַל אויפן קאָפּ. זי האָט זיך נישט דרייסט אָוועק־געזעצט און שווייגנדיק זיך אַרומגעקוקט און באַטראַכט דאָס צימער. זי האָט אויפגעקנעפּלט איר מאַנטל, אַרויסגענומען פון אַ קעשענע אַ טאַשן־טיכל און פאַמעלעך געווישט דעם שווייס, וואָס האָט באַדעקט איר פּנים און שטערן.

— אַזוי — האָט לייב גערעדט — קומט איר פון חיימען? וואָס מאַכט ער עפּעס, דער גוטער מענטש? מסתמא איז עס דאָך אַן ערנסטער ענין — האָט לייב צוגעגעבן — אויב איר זענט געקומען אין אַזאַ שפּעטער שעה.

— איך בעט אייך נאָך אַ מאָל מיר מוחל זיין דאָס קומען צו אייך אַזש נאָך צען אַ זייגער — האָט דער אומגעריכטער גאַסט געזוכט זיך צו פאַרענטפערן — ערשט מיט אַ האַל־בער שעה צוריק, אַז כ׳האָב באַקומען פון אייער פריינד די עצה און רעקאָמענדאַציע זיך צו ווענדן צו אייך. די זאַך וואָס ברענגט מיך אַהער איז אַזוי דרינגענדיק, אַז כ׳האָב נישט געהאַט קיין אַנדערע ברירה ווי גלייך אַהערצוקומען.

— עס מאַכט נישט אויס, עס מאַכט גאָרנישט אויס — האָט לייב, מיט זיין גוטן שמייכל זי באַרויקט — איר האָט אונדז חלילה גאָרנישט נישט געשטערט. פילט אייך ווי בײַ זיך אין שטוב. איר זענט צווישן אייגענע מענטשן. דאָס איז מיין פרוי — האָט לייב אָנגעוויזן אויף דער קראַנקער —

און דאָס איז אונדזערס אַ פריינד, אַ ייד פון פּאַריז — האָט ער אָנגעוויזן אויף מיר — אפשר טוט איר אויס דעם מאַנטל? אפשר וועט איר עפּעס טרינקען?

אַ לייכטער, קוים באַמערקבאַרער שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף דעם מידן פּנים פון דער פרוי. איר בליק איז געווען פול מיט דאַנקבאַרקייט און נאָכן באַטראַכטן אַ ווײַלע לייבן, האָט זי זיך אָפּגערופן:

— אַ ביסל וואַסער, געוויינטלעך וואַסער, אויב עס שטערט אייך נישט — האָט זי צוגעגעבן — כ׳בין גערירט פון אייער אויפנעמען מיך. נאָר וואָס, זוכנדיק אייער וווינונג און ווי דער אמת, איז עס מיר נישט געווען לייכט צו געפינען. ס׳איז אַזאַ קליין, שטיל און זייטיק געסל און אין דער שעה דערצו, שלאָפט שוין ירושלים. ס׳איז מיר אויך שווער געווען צו געפינען אַ מענטשן, וואָס זאָל מיר העלפן אויסזוכן אייער הייזל. כ׳האָב מיך זייער דענערווירט, זעענדיק ווי שפּעט עס איז שוין און אַ חוץ אַלעם, אויך געטראַכט, צי כ׳וועל אייך טרעפן אין שטוב און פאַרשטייט זיך אויך, צוליב דער נישט פּאַסיקייט פון אָנקלאַפּן אַזוי שפּעט דערצו. כ׳האָב אָבער נישט געהאַט קיין שום אַנדערע ברירה. די סיבה וואָס ברענגט מיך צו אייך, איז פאַר מיר אַזוי וויכטיק און קאָן נישט... אָפּגעלייגט ווערן אויף מאָרגן.

זי האָט איבערגעריסן און מיר האָבן געהאַט אַ געפיל, אַז טרערן שטיקן זי אין האַלדז.

— באַרואיקט אייך, באַרואיקט אייך — האָט איר לייב צוגעטראָגן אַ גלאָז וואַסער — אַבי איר האָט געטראָפן. מיר זענען דאָך נישט אין קיין וואַלד חלילה. איר זענט דאָך צווישן יידן און אין ירושלים דערצו.

די פרוי האָט זיך באַמיט צו שמייכלען.

— טאַקע צווישן יידן, דאַרף מען דעריבער שטערן און קווענקלען מענטשן? ס'איז אָבער אַזוי אייליק, אַזוי אייליק

—האָט זי איבערגעחזרט און געטאָן עטלעכע שלינג וואַסער, אַוועקגעשטעלט דאָס גלאָז און געפרעגט:

— קאָן איך אייך איבערגעבן די סיבה פון מיין קומען?

— זיכער — האָט זיך לייב אָפּגערופן — בפרט אַז די זאַך איז אַזוי דרינגענדיק. לאָמיר הערן אין וואָס עס האַנדלט זיך!

די פרוי האָט געוואָרפן אַ קורצן בליק אויפן זייגערל וואָס זי האָט געטראָגן אויף איר לינקער האַנט און נאָך אַ קורצער ווײַלע פון שווייגן, אָנגעהויבן:

— כ'בין אַ פרוי פון פוילן, וואָס האָט בעת דעם אויסבראָך פון דער מלחמה, זיך געראַטעוועט מיטן מאַן און טאָכטער, דאַן נאָך אַ יונג קינד, דורך אַנטלויפן קיין רוסלאַנד. צוריק קומענדיק נאָך דער מלחמה און זעענדיק דעם חורבן, האָבן מיר געטראַכט מכוח פאָרן ווייטער, אָבער מיר זענען געווען מיד און פאַרמאַטערט פון דעם אַלעם איבערגעלעבטן און דערצו נאָך איז מיין מאַן, אין רעזולטאַט פון די אַלע שרעקן און צרות, קראַנק געוואָרן אויפן האַרצן. זענען מיר געבליבן אין פוילן און אויף דאָס ניי אָנגעהויבן איינאָרדענען אונדזער לעבן. איך האָב געאַרבעט אַלס קראַנקן־שוועסטער, דאָס איז פון שטענדיק אָן מיין פראָפעסיע, און מיין מאַן איז געווען באַשעפטיקט ווי אַ בוכהאַלטער. מיר האָבן זיך געשאַפן אַ וווינונג, זי צו ביסלעך איינגעאָרדנט און געהאָפט צו געניסן פון אַ ביסל רו, וואָס איז געווען ביז גאָר וויכטיק פאַר מיין מאַן, וועמענס קראַנקייט האָט זיך אַלץ מער פאַרערגערט. אָבער דאָס לעבן פאַר אונדז יידן אין פוילן איז, ווי איר ווייסט עס זיכער, געוואָרן פון טאָג צו טאָג שווערער, פיינלעכער און מיר האָבן, טראָץ

מיין מאַנס קראַנקייט, ענדלעך באַשלאָסן זיך צו לאָזן אין וועג אַריין, קיין ישראל, פאַרשטייט זיך. מיר האָבן ליק־ווידירט אונדזער וווינונג און עקספּעדירט אונדזערע זאַכן, גאַנצע זעקס גרויסע קאַסטנס, קיין ישראל. אָבער אייניקע טעג פאַר אונדזער אָפּפאָרן איז געשען דאָס אומגליק מיט מיין מאַן: ער איז אַוועקגעפאַלן און געשטאָרבן.

די פרוי האָט איבערגעריסן אויף אַ ווײַלע, אַ שלונג געטאָן אַ ביסל וואַסער און פאָרגעזעצט:

— שוין זעקס וואָכן אַז כ׳געפין מיך מיט מיין טאָכטער אין ישראל, אין ירושלים, וווּ כ׳לערן די שפּראַך אין אַן אולפּן. פאַר דער צייט פון אונדזער זיין אין לאַנד, איז אָנ־געקומען דער באַגאַזש, זעקס גרויסע קאַסטנס — האָט די פרוי ווידער אַ מאָל איבערגעחזרט. ריכטנדיק זיך אויף זייער אָנקומען, האָב איך די גאַנצע צייט געזוכט אַן אָרט ווו כ׳זאָל זיי קאָנען צייטווייליק אויסלאָדן. כ׳האָב געפונען אַזאַ אָרט און ס׳איז געבליבן אַז אַן עקספּעדיטאָר ברענגט מיר היינט, טאַקע היינט, די קאַסטנס און איצט, אין דער רגע וואָס כ׳געפין מיך ביי אייך, פירט אַ לאַסט־אויטאָ מיי־נע זאַכן פון חיפה קיין ירושלים. מיר האָבן זיך אָפּגעשטימט מיטן עקספּעדיטאָר צו וואַרטן אויפן אויטאָמאָביל מיטן באַ־גאַזש אום צוועלף אַ זייגער ביי נאַכט ביי דער תחנה מרכזית.

זי האָט איבערגעריסן אויף אַ רגע דאָס רעדן, אונדז אַלעמען באַטראַכט, כדי צו זען דעם איינדרוק פון אירע רייד.

— איצט, שטעלט אייך פאָר, ליבע מענטשן, מיין לאַגע, אַז היינט נאָך מיטאָג, דערוויס איך מיך פלוצעם, אַז דאָס אָרט וואָס מען האָט מיר צוגעזאָגט אויף קאָנען אַוועקלייגן די קאַסטנס, איז מער נישט צו מיין דיספּאָזיציע. עפּעס איז דאָרט פאָרגעקומען אַן ענדערונג; דער פּלאַץ וואָס מען

האָט מיר פֿאַרשפּראָכן איז אַריבער אין אַנדערע הענט אָן דעם מען זאָל מיר צוווּיסן טאָן מכוח דער ענדערונג. געפֿינענדיק זיך אַזוי אומגעריכט אין אַזאַ לאַגע, האָב איך ממש אין דער סאַמע לעצער מינוט זיך פּראָבירט טעלעפֿאָניש פֿאַרבינדן מיטן עקספּעדיטאָר, אָבער ס׳איז שוין געווען צו שפּעט, נישט געווען מיט וועמען און צו וועמען צו רעדן. פּאָרט איצט דער לאַסט־אויטאָ מיט די קאַסטנס און כ׳האָב נישט ווו דעם באַגאַזש אָוועקצולייגן. צופֿעליק האָט אייער פֿריינד חיים, וואָס איז מײַנס אַ בן־עיר, זיך דערוווּסט וועגן מײַן צרה; ער האָט זיך דערמאָנט, אַז איר פֿאַרמאָגט עפּעס אַ קליינעם גאַראַזש פֿאַר אַן אויטאָ, נאָר אַז איר גופֿא האָט נישט קיין מאַשין; גלייבט ער, אַז אייער גאַראַזש דאַרף זײַן ליידיק, פֿריי און דאָס איז די סיבה פֿון מײַן קומען צו אײַך אַזוי אומגעריכט, אין דער סאַמע לעצטער מינוט, מיט דער האָפֿענונג אַז עס איז אַזוי, ווי אונדזער פֿריינד חיים האָט מיר איבערגעגעבן. דאָס קאָן מיך ראַטעווען פֿון דער אויסטערלישער סיטואַציע, אין וועלכער כ׳בין אַרײַנגעפֿירט געוואָרן דורך אַן אומפּאַראַנט־וואָרטלעכן מענטשן.

זי האָט איבערגעריסן דאָס רעדן אָבער גלייך צוגעגעבן:

— איר פֿאַרשטייט איצט מײַן לאַגע? וואָרעם קוים געפֿין איך נישט ביי אײַך דעם פּלאַץ פֿאַרן באַגאַזש, ווייס איך נישט וואָס צו טאָן און ווו מען געפֿינט אַן אויסוועג. — זי האָט געקוקט אויף לייבן, געוואָרפֿן אירע בליקן אויף אסתרן און אויף מיר און מיט אַ פֿאַרצווייפֿלונג אין שטימע געבעטן — וועט איר מיר העלפֿן? קאָנט איר מיר העלפֿן? — האָט זי איבערגעפֿרעגט און איבערגעריסן. טרערן האָבן געפֿינקלט אין אירע אויגן.

כ׳האָב געקאָנט לייבס ווינונג, כ׳האָב אָבער נישט געהאַט

קיין שום אַנונג וועגן עפּעס אַ גאַראַזש אויף אַן אויטאָ און דערהערנדיק די סיבה, וואָס האָט אַהערגעבערענגט די פּרוי און זעענדיק איר פאַרצווייפלונג, איז מיך באַפאַלן אַן אומ־היימלעכקייט; האָט טאַקע לייב אַזאַ גאַראַזשל? און אויב יאָ, איז עס פריי? האָט ער אים חלילה נישט אָפּגעגעבן אימעצן, אפשר פאַרדונגען?

כ'האָב אַ קוק געטאָן אויף לייבן און ס'איז מיר גוט גע־וואָרן אויפן האַרצן פון זען זיין פּנים זיך צעשטראַלן. אַך, סאַראַ צופרידנקייט עס האָט איצט געלויכטן אויף אים.

— זייט רואיק, ליבע פרוי, זייט רואיק — האָט לייב זיך אָפּגערופן — טאַקע אַ מאָדנע, אַן אויסטערלישע לאַגע. אָבער באַרואיקט אייך. דער פּלאַץ איז דאָ. דאָס גאַראַזשל איז פריי, עס איז ליידיק און אויב אייערע גרויסע, ווי איר זאָגט עס, קאַסטנס וועלן זיך דאָרט מיעשטשען, איז ער צו אייער דיספּאָזיציע.

די פרוי האָט נישט געקאָנט מער בלייבן אויף איר פּלאַץ. זי איז אַ שפּרונג אויף געטאָן און געמאַכט אַ באַוועגונג צו לייבן. מיר האָבן געהאַט דעם איינדרוק אַז זי וויל אים אַרומכאַפּן קושן. גרויסע פינקלענדיקע טרערן האָבן זיך באַוויזן אין אירע אויגן. זי האָט נישט געקאָנט מער אָפּ־האַלטן און אָנגעהויבן צו וויינען.

— באַשערט געוועזן אַזאַ עגמת נפש. ווער קאָן עס פאַר־שטיין מיינע היינטיקע צרות, ווען כ'האָב פּלוצעם מיך דער־ווּסט, אַז כ'האָב נישט דעם צוגעזאָגטן פּלאַץ. טייערע מענ־טשן — האָט זי גערעדט צו אונדז אַלעמען — איר האָט מיר אַריינגעגעבן אַ נייע נשמה. כ'ווייס באמת נישט ווי אַזוי כ'וועל אייך אָפּדאַנקען!

— טראַכט נישט וועגן אַזעלכע זאַכן — האָט לייב אי־בערגעריסן אירע רייד וועגן דאַנקבאַרקייט — לאָמיר זיך

קלאָר מאַכן איין זאַך: ווען זאָגט איר דאַרף אָנקומען דער אויטאָ מיט אייער באַגאַזש?

— ס׳איז אָפּגעשמועסט געוואָרן, אַז כ׳וואַרט אים אָפּ צוועלף אַ זייגער ביי נאַכט ביי דער תחנה מרכזית און איצט איז...

— ס׳איז שוין אַ פּאָר מינוט נאָך עלף — האָט לייב זיך אָפּגערופן — ס׳איז שפּעט און איר טאָרט איצט נישט פאַר־לירן קיין צייט. הערט וואָס איך שלאָג אייך פאָר: איך רוף אַרויס אַ טאַקסי, וואָס וועט אייך צופירן צו דער תחנה און קומט אין אַ מזלדיקער שעה צוריק... און געלט אויף אַ טאַקסי האָט איר ביי זיך? — האָט זי לייב אַ פרעג געטאָן — זשעניִרט אייך נישט. כ׳האָב דאָך אייך געזאָגט אַז איר זענט צווישן אייגענע.

— יאָ, יאָ, אַ דאַנק אייך, טייערער מענטש — האָט די פרוי אַ ביז גאָר געריִרטע זיך אָפּגערופן — קיין צופיל געלט האָב איך טאַקע נישט, אָבער אויף אַ טאַקסי איז פאַראַן.

לייב איז צו צום טעלעפאָן. אָנגערופן אַ טאַקסי־סטאַנציע פון וואַנען מען האָט צוגעזאָגט גלייך קומען.

— אפשר טרינקט איר נאָך עפּעס? — האָט לייב גע־פרעגט די פרוי — און ביז די טאַקסי קומט, זעצט אייך צו. איר האָט זיך שוין היינט גענוג דענערווירט.

— אַ דאַנק, אַ דאַנק — האָט די פרוי רחל (אַזוי האָט זי געהייסן) זיך אָפּגערופן אין גאַנצן אַ געענדערטע און אויפ־געלעבטע. — איר ווייסט גאָרנישט וואָס איר האָט פאַר מיר געטאָן — האָט זי נישט געקאָנט אויפהערן צו רעדן. גאָט צו דאַנקען אַז עס זענען נאָך פאַראַן אַזעלכע מענטשן אויף דער וועלט.

מען האָט געהערט דאָס אָנקומען פון דער טאַקסי. לייב

האָט זי אַרויסבאַגלייט אין דרויסן, אָנגעזאָגט דעם נהג וווהין ער דאַרף זי ברענגען און אַריינקומענדיק צוריק, האָט ער ממש מיט אַ שיינענדיק פּנים, זיך צו מיר אָפּגערופן:

— און איר האָט נאָר געוואָלט כ׳זאָל מיך גיין לייגן... ווי קאָן מען עס גיין שלאָפן, ווען עס זענען פאַראַן אַזוי פיל צרות ביי מענטשן און מען דאַרף פאַר זיי עפּעס טאָן?

כ׳האָב געקוקט אין לייבס פּנים אַריין פון וועלכן עס האָט אַרויסגערעדט אַ מערקווערדיקע אויפגעהייטערטקייט; ווען כ׳וואָלט נישט געוווּסט וואָס עס איז מיט אים געשען היינט ביי זיין באַשעפטיקונג, וואָלט מיר שווער געווען צו גלייבן, אַז ער האָט דעם טאָג צוויי מאָל געחלשט. די מידקייט וואָס כ׳האָב בעת מיין קומען געליינט אויף זיין, מיט שווייס באַדעקט, פּנים, איז איצט אין גאַנצן פאַרשוווּנדן. כ׳האָב געהאַט פאַר מיר גאָר אַן אַנדערן מענטשן. יאָ, כ׳האָב געוווּסט, אַז די מערקווערדיקע פאַרענדערונג זיינע, די צופרידנקייט וואָס כ׳זע איצט אויף זיין פּנים, נעמט זיך פון זיין באַוווּסטזיין, צו קאָנען אימעצן זיין נוצלעך אין אַ נויט, פון קאָנען העלפן אַ ליידנדיקן.

— לייב — האָב איך מיך צו אים אָפּגערופן — האָב איך דען סתם אין דער וועלט אַריין, געוואָלט איר זאָלט זיך לייגן? זענען מיר דען נישט טייער די לעצטע ממש מינוטן פון מיין זיין מיט אייך? אָבער געדענקט, אַז ס׳איז שוין איצט האַלב צוועלף ביי נאַכט; איר זענט אויף די פיס פון זעקס אין דער פרי און איצט, ווער ווייסט וויפל צייט עס קאָן נאָך דויערן, ביז די פרוי וועט אָנקומען מיט איר באַגאַזש? באַלד וועט איר זיך ווידער דאַרפן אויפהייבן און איר האָט דערצו נאָך, געהאַט היינט אַ שווערן טאָג — האָב איך מיט אַ ווונק, אים פּראָבירט דערמאָנען זיין חלשן; — איך פאַרשטיי אייער גרייטקייט עפּעס צו טאָן פאַר דער

פרוי רחל, אָבער אַ ביסל רוען וואָלט פאַר אייך געווען ביז גאָר וויכטיק. איז לייגט אייך צו אפילו איצט, וויפל איר וועט רוען ביזן קומען פון באַגאַזש, וועט אויך זיין גוט.

— איר קענט נאָך נישט לייבן, — האָט די קראַנקע אסתר זיך אָפּגערופן מיט אַ שוואַכער שטימע — אַז עס האַנדלט זיך אין טאָן עפּעס פאַר אימעצן, הערט אַלץ איבעריקע אויף, אפילו זיין אייגן געזונט הערט אויך אויף צו עקסיסטירן.

— ס׳איז גוט, ס׳איז גוט, — האָט לייב געלאַכט — זענט איר איבערטרייבערס! אפשר טרינקט איר עפּעס? אפשר אַ גלעזל טיי?

— כ׳וויל נישט קיין טיי. לייב, זעצט אייך צו און רוט אַ ביסל.

לייב האָט זיך אַ וויילע פאַרנומען מיטן אַבאַזשור־לעמפּל, אַכטונג געבנדיק אַז די ליכט זאָל נישט שטערן אסתרן. דער־נאָך האָט ער אַ שמייכלענדיקער זיך אַוועקגעזעצט נעבן מ׳יר אָן אַרויסצורעדן אַ וואָרט.

אין צימער איז געוואָרן אַ טיפע שטילקייט, אין וועלכער מען האָט געהערט דעם שוואַכן טיק־טאַק פון אַ קליין זייגערל וואָס איז דאָ געשטאַנען אויף אַ ביכערשאַנק. פון דרויסן, פון די אָפענע פענצטער איז נישט אַריין דער מינד־סטער גערויש. יעדער פון אונדז האָט פון צייט צו צייט געוואָרפן אַ בליק אויפן זייגערל, געזען ווי די ווייזערס דער־נענטערן זיך צו צוועלף, אָט זענען זיי שוין אַריבער צוועלף. ס׳הייבט זיך אָן אַ פרישער, נייער טאָג. פאַרשידענע מחש־בות זענען מיר געקומען אין קאָפּ אַריין. כ׳האָב געטראַכט אַז מאָרגן, אין דער זעלבער צייט, וועל איך מיך שוין גע־פינען אויף דער שיף קיין איראָפּע. כ׳האָב נאָך אַ מאָל געוואָרפן אַ בליק אויפן זייגערל, וואָס האָט שוין איצט גע־וויזן פופצן נאָך צוועלף, צוואַנציק נאָך צוועלף, ס׳איז שוין

באַלד האַלב איינס און פון דרויסן האָט מען נישט געהערט דאָס קומען פון לאַסטאויטאָ.

כ׳האָב אָנגעהויבן פילן מיין אייגענע מידקייט, וואָרעם אויך איך האָב אין דעם איצט פאַרגאַנגענעם טאָג, זיך געהאַט אויפגעהויבן זייער פרי. מיין מידקייט האָט, פאַר־שטייט זיך, זיך אויך גענומען פון אַרומשפּאַצירן דעם גאַנצן טאָג איבער דער שטאָט. כ׳האָב מיך געמוזט אָנשטרענגען כדי נישט איינצודרימלען אויף דער שטול אויף וועלכער כ׳בין געזעסן. אָבער לייב האָט צו מיין גרויסער שטוינונג, נישט אַרויסגעוויזן קיין סימן פון וועלן שלאָפן. ער איז געזעסן אַ שווייגנדיקער און אַ געשפּאַנטער זיך איינגעהערט אין דער נאַכט־שטילקייט, צי מען הערט נישט אַ מאָל דאָס דערנענטערן זיך פון אַ מאַשין. ער האָט באַמערקט מיין מידקייט, געזען אַז כ׳דרימל.

— מיין ליבער — האָט ער צו מיר שטיל, זייער שטיל זיך אָפּגערופן — מילא, איך מוז דאָך צווואַרטן; זיי קומען זיכער באַלד אָן, אָבער איר? איר קאָנט זיך דאָך צולייגן אויפן בעטל ביים פענצטער, ווו איר האָט, ווי יעדעס מאָל, אייער געלעגער. שפּאַרט אייך אַ ביסל צו. ווען דער באַ־גאַזש וועט אָנקומען, וועלן דאָך די טראַנספּאָרטערן אים אַריינשטעלן אין גאַראַזשל אָן אונדזער הילף. איז צוליב וואָס זאָלט איר זיך דערוייל קווענן?

מיין מידקייט איז איצט געווען אַזוי שטאַרק, אַז כ׳האָב מיך נישט געקאָנט אָפּזאָגן פון פאָלגן אים. כ׳בין צוגע־גאַנגען צום בעטל אַביסל פאַרשעמט און מיך אָוועקגעלייגט מיטן פּנים צום פענצטער. כ׳האָב געקוקט צו די שטערן וואָס האָבן געפינקלט אויף דעם שטיקל טונקעלן הימל וואָס כ׳האָב געזען פון מיין געלעגער. כ׳האָב מיך איינגעהערט אין דער הערשנדיקער שטילקייט און געטראַכט, אַז אַ ליאַדע

מינוט וועט זיך דערהערן דער גערויש פון אָנקומענדיקן אויטאָ.

אַך, וואָס פאַר אַ שטילקייט עס האָט זיך געטראָגן פון דרויסן. פון דעם געסל און פון ירושלים בכלל. ווי אַזוי איז עס מעגלעך אַז אין אַ שטאָט, וואָס פאַרמאָגט אַזאַ גע־וואַלדיק־טראַגישע געשיכטע, זאָל הערשן אַזאַ שטילקייט? ווי איז מעגלעך אַזאַ זאַך? אויף דאָס ניי האָב איך געטראַכט וועגן די דריי און צוואַנציק הגנה־בחורים, וואָס זענען אומ־געקומען ערגעץ אין סיריע. אַלץ וואָס עס איז נאָך זיי פאַר־בליבן, איז אַ פיקטיוו קבר אויפן מיליטערישן בית־עולם אין ירושלים און דער נאָמען פון געסל. ווידער אַ מאָל האָב איך געטראַכט וועגן די שלאַכטן וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּילט אויף דער קטמון־ערד, ווו כ׳געפין מיך איצט, ווען דוד׳ס חיל האָט געשלאָגן און פאַרטריבן די פלישתים. ווי איז מעגלעך אַזאַ שטילקייט אין אַ שטאָט אין וועלכער עס האָבן געדונערט די שטימען פון אונדזערע נביאים? אַ שטאָט ווו עס האָבן זיך אָפּגעשפּילט אַזעלכע שלאַכטן קעגן די גריכן, בבלים, רוימער און ס׳איז דאָ פאַרגאָסן געוואָרן אַזוי פיל יידיש בלוט? ווי איז מעגלעך אַזאַ שטילקייט?

אויף דאָס ניי איז מיר געקומען אויפן זין די צעשניטנקייט פון ירושלים און טראָץ דעם פאַרלאַנג נאָך שלאָף וואָס האָט מיך אַלץ מער באַהערשט, האָב איך געטראַכט:

אויב עס האָט געקאָנט געשען דער וווּנדערלעכער נס פון אַ ניי יידיש ישראל, אַז גרויסע טיילן פון אַמאָליקן אר״ץ ישראל זאָלן אויף דאָס ניי צוריק געהערן צו אונדזער פאָלק, עס זאָל פאַרקומען דאָס נישט לאַנג צוריק, אומגלויבלעכע אויפשטייען תחיית המתים פון אַ יידישער מדינה, וועלן יידן בלייבן אָפּגעשניטן פון איבעריקן ירושלים? פון הר הבית? פון כותל המערבי? פון דער ערד און שטיינער, וואָס זענען

פאַר אונדז אַזוי הייליק, פאַרבליבענע עדות פון תנ״כישן ארץ ישראל? שטיינער וואָס זענען אין לויף פון אַזוי פיל יאָרהונדערטער פון אונדזער גלות־צייט, געווען עדות פון כסדרדיקן יידישן שטרעבן, יידישן קומען און יידישן אויפ־האַלטן זיך אין ארץ ישראל, טראָץ אַלע רשעותדיקע שטע־רונגען און פאַרבאָטן צו לעבן אין פאַרהייליקטן לאַנד; שטיי־נער וואָס האָבן איינגעזאַפּט אין זיך די יידישע וויי־געשרייען ווען די גאָטלאָזע קרייצפאָרערס און אַנדערע אַרמייען האָבן אין לויף פון יאָרהונדערטער פאַרכאַפּט דאָס לאַנד, גע־שאָכטן זיך קעגנזייטיק און גלייכצייטיק אויך אומגעבראַכט אַזוי פיל יידישע לעבנס.

ווער יענער טייל פון דער הייליקער שטאָט, דאָס אַלטע תנ״כישע ירושלים בלייבן אָפּגעריסן, נישט צוגענגלעך פאַר אונז?

„ניין, ניין — האָט אַ שטימע אין מיר גערעדט — אַזעל־כעס איז נישט מעגלעך. דער איצטיקער מצב פון ירושלים איז אַ צייטווייליקער, נאָר אַ צייטווייליקער".

ס'איז שוין געווען צווי אַ זייגער ביי נאַכט, אַז עס האָט זיך ענדלעך דערהערט אַ שטילער גערויש פון אַ מאַשין, וואָס האָט זיך לאַנגזאַם דערנענטערט. דער גערויש איז געוואָרן אַלץ דייטלעכער, העכער און נאָך העכער. יאָ, עס איז געווען דער לאַסטאויטאָ מיטן באַגאַזש, וואָס האָט זיך ענדלעך געשטעלט ביי לייבס הייזל.

לייב איז גלייך אַרויס אויף דער גאַס, געהאָלפן דער פרוי רחל אַראָפּגיין פון דער מאַשין, באַגריסנדיק די צוויי מענער, וואָס האָבן געפירט דעם אויטאָ, מיט אַ קורצן שלום.

— וואָס פאַראַ צרות איר האָט פון מיר אויסצושטיין — האָט פרוי רחל, אַ ביז גאָר זשענירטע, זיך אָפּגערופן צו

לייבן — איך האָב אייך אַלעמען געשטערט דעם שלאָף און פאַר וואָס איז עס אייך געקומען? פאַר אייער גוטסקייט?

— רעדט נישט קיין קינדערשע רייד — האָט לייב גע־ענטפערט — אַבי איר זענט שוין דאָ. די טירן פון גאַראַזש זענען אָפן — האָט לייב זיך געווענדעט צו די צוויי מענער, וואָס האָבן אָנגעהויבן פאַרלאָזן דעם שאָפערן־פּלאַץ. — דער גאַראַזש געפינט זיך דאָ, אַ ביסעלע טיפער — האָט ער אָנגעוויזן מיט אַ האַנט־זשעסט — כ׳וועל אייך אָבער בעטן, אויף וויפל עס וועט אייך נאָר זיין מעגלעך, אַז דאָס אַריינשטעלן די קאַסטנס זאָל פאָרקומען וואָס שטילער.

— וואָס שטילער? — האָט זיך אָפּגערופן איינער פון די צוויי מענער מיט אַ געלעכטערל — ס׳איז לייכט צו זאָגן „וואָס שטילער”, זעט די קאַסטנס!

לייב האָט געוואָרפן אַ בליק אויף די קאַסטנס און דער־פילט אַ געוויסע אומרואיקייט; זיין אייגענע קוועל, זיין פיל־שעהדיק אויפזיין, זיין אָנשטרענג צו האַלטן זיך אויף די פיס, האָבן אים וויניקער געאַרט ווי דער געדאַנק, אַז דאָס אַראָפּנעמען דעם באַגאַזש פון אויטאָ און אַריבערטראָגן אים אין גאַראַזשל וועט מאַכן אַ טומל און אויפוועקן די שכנים אַרום.

ס׳איז אָבער נישט געווען קיין ברירה.

אָבער דאָ, האָט זיך אָנגעהויבן אַן אַנדערע געשיכטע, וואָרעם איינער פון די צוויי מענער, וויזט אויס דער עקס־פּעדיטאָר גופא, האָט זיך געווענדעט צו דער פרוי רחל:

— ווייבל, מיר האָבן גערעכנט אַז אום צוועלף אַ זייגער ביי נאַכט, שפּעטסטנס נאָך אַ פערטל שעה, וועט אַלץ זיין געענדיקט; אָבער אַזוי ווי דאָס פירן דעם באַגאַזש האָט געדויערט נאָך צוויי שעה צייט, מוזט איר מיר צוצאָלן נאָך נײַנציק לירות.

— וואָס ? — האָט די פרוי רחל זיך אָפּגערופן, נישט זייענדיק זיכער צי זי האָט גוט פאַרשטאַנען זיינע רייד — כ׳זאָל אייך צוצאָלן נאָך געלט ? וואָס הייסט עס ? מיר האָבן דאָך פון פאָראויס אָפּגעשטימט דעם פּרייז און כ׳האָב אייך איינגעצאָלט די סומע וועלכע איר האָט געפאָדערט. מאָנט איר ביי מיר נאָך געלט, נײַנציק לירות ? ווו וועל איך זיי נעמען ? וואָס איז דאָס פאַר אַן ענין ?

— כ׳האָב אייך גאָרנישט וואָס אויפצוקלערן — האָט דער מאַן איר צוגעוואָרפן — נאַכט־אַרבעט קאָסט טייערער און האַלב דריי ביי נאַכט איז נישט קיין צוועלף. וואָס איז דאָ נישט צו פאַרשטיין ? מיר האָבן פאַרלוירן פיל מער צייט ווי מיר האָבן גערעכנט. מיר זענען צוויי מענטשן און די מאַשין ; די מאַשין קאָסט אויך. באַצאָלט די נײַנציק לירות, וועלן מיר אַראָפּנעמען און אַריינשטעלן די קאַסטנס און אייך זאָגן אַ לילה טוב.

פרוי רחל איז געשטאַנען אַ שוועך אויפגערודערטע און פאַרלוירענע. ווו זאָל זי, אַן אָרעמע עולה, נעמען איצט דאָס געלט ? ס׳איז דאָך בכלל עפּעס אַן אָפּנאַרעריי, אַ הימל־שרייענדיקער סקאַנדאַל !

— ר׳ ייד, — האָט זי זיך אָפּגערופן צום עקספּעדיטאָר — ביים באַשטעלן אייך, האָט איר מיר געזאָגט וואָס איר פאָדערט פאַר אייער טרחה. איר זענט דאָך אַ פאַכמאַן און איר ווייסט ווויל ווי לאַנג עס דויערט דאָס פירן דעם באַ־גאַזש פון חיפה קיין ירושלים. אויב עס האָט ביי אייך גע־נומען נאָך צוויי שעה, בין איך שולדיק ? איך האָב אייך באַצאָלט וואָס איר האָט געפאָדערט. איז מיט וואָס פאַר אַ רעכט מאָנט איר פון מיר איצט נאָך געלט, נײַנציק לירות ? איר גיט זיך אָפּ אַ חשבון וואָס דאָס איז פאַר מיר אַזאַ סומע ? כ׳האָב זי נישט ווו צו נעמען !

— מיר קומט נאָך ניינציק לירות — האָט זיך דער עקס־פּעדיטאָר אָפּגערופן — אויב איר האָט נישט דאָס געלט, וועלן מיר דעם באַגאַזש נישט אויסלאָדענען. וואָס מיינט איר? מיר קאָנען נישט פאָרן אַזוי פיל שעהען פאַר גראָשנס. אַז מען האָט אַזעלכע זעקס שווערע קאַסטנס, האָט מען אויך אַ שווערע קעשענע געלט. איר באַצאָלט, אָדער מיר פאָרן אַוועק? וואָס מיינט איר? מיר וועלן דאָ פאַרלירן די גאַנצע נאַכט? מיר דאַרפן זיך אויך אָפּרוען.

די אומגעריכטע געלט־פאָדערונג פון עקספּעדיטאָר איז געווען אַ רעוואָלטירנדיקע און לייב, וואָס האָט ביז איצט, אַ שווייגנדיקער, זיך צוגעהערט צום אָנגייענדיקן דיאַלאָג, האָט מער נישט געקאָנט בלייבן אין אַ זייט און זיך אַריינגעמישט:

— די פרוי איז דאָך גערעכט, איר זענט דאָך אַ פּאַכמאַן. איר פירט כסדר טראַנספּאָרטן. איר קענט דעם וועג און איר ווייסט ווי לאַנג און וויפל צייט ער נעמט. איר האָט אייערע טאַריפן און די פרוי רחל האָט אייך באַצאָלט וואָס איר האָט פון איר געפאָדערט. אויב איר האָט צוליב וועלכער ס׳איז סיבה פאַרלוירן נאָך צוויי שעה, איז עס נישט איר שולד. איז פאַר וואָס מאָנט איר פון איר געלט אויף וואָס איר האָט נישט קיין רעכט? אַן אָפּמאַך איז אַן אָפּמאַך. אַזוי איז עס אין דער גאַנצער וועלט און אַזוי איז עס אויך אין ישראל. איז פאָלגט מיך, לאָדנט אויס דעם באַגאַזש, שטעלט אַריין די קאַסטנס און פאָרט אייך לחיים און לשלום. ס׳איז שוין צייט צו מאַכט נאַכט פאַר איטלעכן און מסתמא אויך פאַר אייך.

דער עקספּעדיטאָר און זיין געהילף האָבן מיט אַ געוויסער איראָניע באַטראַכט לייבן,ביידע האָבן זיך צעשמייכלט.

— אייך איז לייכט אָפּצורעדן, מיר זאָלן זיך אָפּזאָגן פון

פֿאָדערן דעם צוגאָב — האָט דער עקספּעדיטאָר זיך אָפּגע־רופֿן — וואָס אַרט עס אייך אַז מיר וועלן אַרבעטן פֿאַר גראָשנס? מיר דאַרפֿן נישט אייערע רעדעס. ווייבל, איר באַצאָלט די ניינציק לירות, אָדער מיר פֿאָרן אָפּ?

אין דעם מאָמענט האָט זיך דערהערט אַ פֿרויען־שטימע, פֿון אַ שכנה פֿון ערשטן שטאָק:

— וואָס טוט זיך דאָ עפּעס? וואָס איז עס פֿאַר אַ טומל אין מיטן נאַכט? ר׳ לייב, מיין מאַן וועט מאָרגן נישט קאָנען גיין צו זיין אַרבעט. איר ווייסט דאָך אַז ער ליידט אויף קאָפּווייטיק. דערבאַרעמט אייך און זאָל זיין שטיל.

לייב האָט דערפֿילט אַ ביטערניש ביים האַרצן. ער האָט גוט געקענט דעם שכן זיינעם, וואָס האָט געליטן פֿון שלאָפֿ־לאָזיקייט און ער האָט געטראַכט מכוח דעם וואָס דאָ וועט נאָך געשען, ווען מען וועט אָנהייבן אַראָפּצונעמען די קאַסטנס פֿון דער מאַשין.

— הערט אויס, יידן — האָט לייב, דאָס מאָל שטיל, זיך געווענדעט צום אויטאָ־בעל־הבית און זיין געהילף — הערט מיך אויס: איר מאָנט נאָך ניינציק לירות; די פֿרוי ווע־מענס באַגאַזש איר האָט דאָ אויף דער מאַשין, איז נישט קיין סוחרטע, אין די קאַסטנס ליגן נישט קיין סחורות, נאָר אירע אָפּגעראַטעוועטע שטובזאַכן און מעבל, וואָס זי האָט מיט זיך געבראַכט פֿון פּוילן. זי איז אַן עולה חדשה אָן געלט און וואָס געפֿינט זיך אין לאַנד אין גאַנצן נאָר זעקס וואָכן. לאָמיר אָננעמען אַז איר וועט דאָס מאָל מאַכן אַ קלענער געשעפֿט, אָבער סוף כל סוף פֿאַרדינט איר דאָך דערביי. איז פֿאַר וואָס זאָלט איר די פֿרוי אַזוי קוועלן? ווו איז יושר?

— הערט שוין אויף מיט די מעשיות — האָט דער עקס־פּעדיטאָר אַ זאָג געטאָן — צדקה גיב איך ערגעץ אַנדערש.

דאָס מאָל האַנדלט זיך אין אונדזער פּרנסה. קום, מענדל, אַרויף אויף דער מאַשין — האָט ער אַ קאָמאַנדיר געטאָן צו זיין געהילף — זעסט דאָך אַז ס'איז אַ שאָד צו פאַרלירן נאָך צייט — און אויך ער האָט געמאַכט אַ באַוועגונג אַרויפצוכאַפּן זיך אויפן אויטאָ.

פרוי רחל איז געשטאַנען אַ פאַרצווייפלטע פון האָבן זיך אָנגעשטויסן אויף אַזאַ געוויסנלאָזן מענטשן און אויך פון האָבן אַזוי שווער פאַרדרייט דעם קאָפּ דעם גוטן לייבן און זיינע באַענטע.

— איז וואָס וועט זיין? — האָט זי פאַרבראָכן די הענט — וואָס וועט זיין? כ'האָב דאָך נישט קיין געלט. וואָס הייסט זיי פאָרן אָפּ? און די זאַכן? דער באַגאַזש? וואָס וועט מיט אים געשען? וואָס קומט דאָ פאָר? — האָט זי אַ פאַרצווייפלטע געפרעגט.

אין דעם מאָמענט האָט עפּעס לייבן אין קאָפּ אַ בליץ געטאָן אַ געדאַנק. ס'איז געווען אַ מאָדנע געוואַגטער איינפאַל און ער האָט אַ זאָג געטאָן צו די מענער, וואָס זענען שוין געזעסן אויפן לאַסטאויטאָ, גרייטע אָפּצופאָרן:

— וואַרט צו אַ מינוט, נאָר איין מינוט! — און אָן צוצוגעבן נאָך עפּעס אַ וואָרט, איז ער גיך אַריין צו זיך אין שטוב.

דער עקספּעדיטאָר און זיין געהילף האָבן געקוקט צו דער טיר הינטער וועלכער לייב איז פאַרשוואונדן און שווייגנדיק געוואַרט כדי צו וויסן צוליב וואָס ער האָט זיי געבעטן צוּוואַרטן אַ מינוט. „איז ער נישט אַ מאָל אַריין צו זיך, כדי אַרויסקומען מיט די געפּאָדערטע ניינציק לירות?" — האָבן זיי געטראַכט, אָבער אַז לייב איז אַ מינוט שפּעטער צוריק אַרויסגעקומען, האָט ער אין זיין האַנט געהאַלטן אַן אָנגע־

צונדן עלעקטריש טאַשן־לעמפּל, אַ נאָטיץ־ביכל און אַ בליי־פעדער און אָן אַרויסצורעדן אַ וואָרט, האָט ער באַלויכטן דעם רעגיסטראַציע־נומער פון דער מאַשין און אים אָנגעהויבן פאַרנאָטירן אויפן פּאַפּיר. געענדיקט דערמיט, האָט ער זיך געווענדעט צום עקספּעדיטאָר און זיין געהילף, וואָס האָבן געקוקט אויף אים, אָן צו פאַרשטיין פאַר וואָס ער טוט עס.

— הערט אויס, יידן — האָט לייב צו זיי גערעדט מיט אַ שטילער אָבער זייער ענערגישער שטימע — דאָס געלט וואָס איר פאָדערט איצט פון דער פרוי, איז אַן אומדערהערטער און געזעצלעך־פאַרבאָטענער אַקט. איינס פון ביידע: אָדער איר לאָדנט אויס די קאַסטנס, אָדער איר וועט מאָרגן, דאָס הייסט, נאָך היינט, פאַרלירן די רעכט פון זיין אַ טראַנספּאָרטער. עס וועט זיין געענדיקט דערמיט. און איצט טוט ווי איר פאַרשטייט, אויב איר ווילט אַוועקפאָרן, איז פאָרט אייך געזונטערהייט.

ביידע מענער זענען אַ ווײַלע געבליבן ווי אָן לשון. אויף עפּעס אַזעלכעס האָבן זיי זיך נישט געריכט. נישט נאָר וואָס לייב האָט נישט אַרויסגעברענגט קיין געלט, ווי זיי האָבן אויף אַ ווײַלע געטראַכט, נאָר ער דראָט גאָר דעם עקספּעדיטאָר מיט פאַרלירן די רעכט אויף זיין אַ טראַנספּאָרטער. ווער זשע איז עס אָט דער דאָזיקער נאָך גאַנץ יונגער מאַן? האָט דער עקספּעדיטאָר און זיין געהילף זיך געפרעגט אין האַרצן. אמת, זיי האָבן געוווסט וועגן פאַלן פון אָפּנעמען די טראַנספּאָרטערן־רעכט צוליב מיסברויכן און זיי האָבן אויף אַ מאָמענט זיך טאַקע דערשראָקן פאַר לייבס דראָאונג. אַ מאָדנע זאַך די יידישע מדינה; מען ווייסט קיין מאָל נישט מיט וועמען מען האָט צו טאָן. דוכט זיך אַ פּשוטער יידישער מענטש און גיי און ווייס וואָס פאַר אַ ראָלע ער שפּילט ערגעץ אין אַ מיניסטעריום.

ביידע מענער, דער עקספּעדיטאָר און זיין געהילף האָבן זיך איבערגעקוקט, ווי זיך באַראָטן מיט זייערע בליקן מכוח וואָס צו טאָן, אָבער זיי האָבן באַשלאָסן זיך צו האַלטן ביי דאָס זייעריקע. דער עקספּעדיטאָר וואָס איז געזעסן ביים רודער, האָט געלאָזט אין גאַנג דעם מאָטאָר און צוואַרפּנדיק לייבן אַ קורצן „גוט, גוט, טוט וואָס איר קאָנט", האָט דער אויטאָ מיט אַ שווערן טומל געריררט פון אָרט. זיי האָבן אָנגעהויבן פאָרן לאַנגזאַם און גלייך פאַרשוווּנדן אין אַ זייטיק געסל.

— דערבאַרעמט אייך, ר' לייב — האָט זיך אויף דאָס ניי דערהערט די שטימע פון דער שכנה פון ערשטן שטאָק — ס'איז דאָך נישט אויסצוהאַלטן. מיין מאַן וועט מאָרגן נישט קאָנען גיין צו זיין אַרבעט. אַזאַ טומל אין מיטן נאַכט. זאָל שוין זיין געענדיקט!

אויך אין אַ פענצטער פון אַ שכן, וואָס האָט געוווינט אין אַ הייזקע אויף דער אַנדערער זייט גאַס, האָט זיך אָנגעצונדן ליכט. דאָס פענצטער האָט זיך געעפנט און דער שכן, אַ מאַן פון אַ יאָר זעכציק, האָט געפרעגט מיט אַן אויפגערעגטער שטימע:

— וואָס קומט דאָ פאָר? וואָס איז עס פאָר אַ טומל? אויב עס וועט נישט גלייך שטיל ווערן, טעלעפאָניר איך אין דער פּאָליציי — האָט ער זיך געבייזערט, אָבער נישט הערנדיק מער קיין שום שטימען, האָט ער צוריק פאַרמאַכט דאָס פענצטער און גלייך דערנאָך האָט זיך דאָרט פאַרלאָשן דאָס ליכט.

לייב, די פרוי רחל און אויך אסתרל, וואָס האָט נישט געקאָנט מער בלייבן אויף איר געלעגער, זענען געשטאַנען שטיל און געקוקט אין דער ריכטונג וווהין דער אויטאָ

איז אַוועק. אַ העל־בלויע ליכטיקייט האָט זיך באַוויזן אין מזרח־זייט און דערמאָנט אַז עס הייבט זיך אָן אַ נייער טאָג.

איטלעכער איז געווען שווער דערשלאָגן פון דעם פּאַר־געקומענעם, פון דעם אָנשטויסן זיך אין אַזאַ געוויסנלאָזן עקספּעדיטאָר און אין דאָזיקן מאָמענט, האָט לייב פון דעסט וועגן נישט אויפגעהערט צו שמייכלען פון דעם איינפאַל זיינעם, מיטן פאַרשרייבן דעם נומער פון דער מאַשין, מיט וואָס ער האָט געוואָלט אָפּשרעקן דעם אויטאָ־בעל־הבית. ניין, לייב האָט נישט אָפּגעפּילט און נישט דערמאָנט אפילו מיט קיין וואָרט וועגן מידקייט. ער האָט דער עיקר געליטן צוליב דעם עגמת נפש פון דער פרוי רחל און אויך צוליב זיין אייגענער אסתרל, וואָס האָט פאַרלאָזט דאָס בעט און שטייט ביים פענצטער פול מיט ווייטיק צוליב דעם גע־שעענעם.

— וואָס זשע וועט איצט זיין? וואָס דאַרף איך אָנהייבן טאָן? — האָט די פרוי רחל פול מיט זאָרג, געפרעגט ביי לייבן — וואָס וועט איצט געשען מיטן באַגאַזש?

— איר דאַרפט אייך נישט שרעקן — האָט זי לייב באַ־רואיקט — די זאַכן זענען דאָך אייערע. דערצו נאָך האָט איר באַצאָלט די פולע סומע. ביי טאָג וועט איר אַוועק צום עקספּעדיטאָר, אָדער אפשר גאָר פריער אין דער פּאָליציי, נאָר שרעקן זיך פאַר די קאָסטנס דאַרפט איר נישט.

אין דעם מאָמענט האָט זיך אויף דאָס ניי דערהערט אַ גערויש פון אַן אָנקומענדיקן שווערן אויטאָ. דאָס מאָל איז דער גערויש געקומען פון דער זייט פון וואַנען דער לאַסט־אויטאָ מיטן באַגאַזש איז פריער אָפּגעפאָרן. דער גערויש איז געוואָרן נענטער, שטאַרקער. זאָל עס טאַקע זיין דער

באַגאַזש? האָבן זיי חרטה באַקומען אויף זייער פריער־דיקער האַנדלונג?

יאָ, ס׳איז געווען דער אויטאָ מיטן באַגאַזש. ווייזט אויס, אַז די לייט האָבן זיך איבערגעלייגט און אפשר טאַקע האָט לייבס דראָאונג געווירקט?... די מאַשין דערנענטערט זיך לאַנגזאַם און גלייך האָט זי זיך געשטעלט ביי לייבס וווי־נונג, ביים טויערל ווו עס האָט זיך געפונען דער קליינער גאַראַזש.

אָן אַרויסצורעדן אַ וואָרט האָבןביידע מענער פאַרלאָזט דאָס געזעס ביים רודער. דער טראַנספּאָרטער איז אַרויף אויף דער פּלאַטפאָרמע און דער געהילף זיינער איז אַראָפּ אונטן. ביידע האָבן זיי אָנגעהויבן איבעררוקן דעם ערשטן קאָסטן, כדי אים אַראָפּצושליידערן פון אויטאָ און דאָ איז געשען דאָס אומדערוואַרטעטע; אין זייער ביידנס אויפ־רעגונג, צוליבן נישט האָבן באַקומען די ניינציק לירות און אין זייער איילן זיך פּטור צו ווערן פון באַגאַזש, האָבן זיי נישט גענוג גוט אַכטונג געגעבן און דער קאָסטן איז מיט זיין גאַנצער משא געפאַלן אויף אַ פוס פון זיין געהילף, וואָס איז אַוועקגעפאַלן מיט אַזאַ געוואַלד, אַז אין אַלע כמעט אַרומיקע פענצטער האָבן זיך באַוויזן איבערגעשראָקענע, פאַרשלאָפענע און האַלב־נאַקעטע מענטשן, וואָס האָבן גע־זוכט זיך צו דערוויסן וואָס פאַר געשרייען דאָס זענען.

— געוואַלד, געוואַלד! דער פוס! עס האָט מיר צע־בראָכן דעם פוס. אוי, אוי, — האָט דער געטראָפענער גע־קרעכצט. — געוואַלד, מענטשן, ראַטעוועט, געוואַלד. אַ ביסל וואַסער, כ׳גיי אויס, וואַסער, אוי ווי איז מיר, אוי ווי איז מיר, אַ ביסל וואַסער, כ׳גיי אויס, יידן, וואַ־אַ־סער — האָט ער געשטאַמלט און מיט אַ מאָל שטיל געבליבן, ווי ער וואָלט פאַרלוירן דאָס באַוווסטזיין.


Benn

לייב איז גלייך אַריין צו זיך. אַ כאַפּ געטאָן אַ קריגל וואַסער און אַרויסקומענדיק, געגאָסן וואַסער אויפן פּנים פון פאַרוווּנדעטן און באַמערקנדיק, אַז ער עפנט די אויגן, אָנגעהויבן צו ביסלעך אַריינגיסן וואַסער אין מויל אַריין.

— ס׳איז מיר נישט גוט, געוואַלד, יידן, ווי איז מיר — האָט דער אומגליקלעכער געקרעכצט צווישן איין שלונג וואַסער און צווייטן — כ׳גיי אויס, ברענגט אַ דאָקטער!

— פאַר וואָס רופט איר נישט קיין דאָקטער? — האָבן שטימען פון אַ ריי פענצטער אַראָפּגערעדט צו לייבן, ווען זיי האָבן געזען זיך פאַרען ביים געליטענעם — דער מענטש וועט דאָך אויסגיין פון יסורים!

אין דעם מאָמענט איז פּלוצעם אָנגעקומען אַ פּאָליציי־אויטאָ פון וועלכן עס זענען אַרויסגעשפּרונגען גאַנצע זעקס שוטרים און אַרומגערינגלט לייבן און דעם פאַרוווּנדעטן.

— וואָס געשעט דאָ? וואָס קומט דאָ פאָר? — האָט דער פּאָליציי־עלטסטער אַ פרעג געטאָן ביי לייבן, ווען ער האָט געזען זיך פאַרנעמען מיטן ליגנדיקן אויף דער ערד.

לייב האָט גלייך פאַרשטאַנען, אַז די פּאָליציי איז אַרויס־גערופן געוואָרן פון זיין שכן פון אַנטקעגן איבער, וואָס האָט זיך נישט אינטערעסירט מיט דער סיבה פון אויס־געבראָכענעם געוואַלד, נאָר ער האָט פּשוט און פּראָסט אַלאַרמירט די פּאָליציי, קעגן די שטערער פון דער אָר־דענונג...

— ווו איז דער דאָקטער? — האָט לייב געפרעגט ביים פּאָליציי־עלטסטן — גלייך ווי דער וואָס האָט אַלאַרמירט און אַרויסגערופן זייער קומען, וואָלט אויך געהאַט אָנגעגעבן די סיבה פון רופן די פּאָליציי.

— אַ דאָקטער? וואָס פאַר אַ דאָקטער? — האָט דער פּאָליציי־עלטסטער געפרעגט.

— איר זעט דאָך — האָט לייב אָנגעוויזן אויף דעם קרעכצנדיקן — ער ליגט דאָך מיט אַ צעבראָכענעם פוס, פון אַראָפּגעפאַלענעם קאַסטן. ער גייט דאָך אויס פון ווייטיקן.

נישט לאַנג געטראַכט האָבן אייניקע שוטרים אַ נעם געטאָן דעם קראַנקן, אים פאַרזיכטיק אַריינגעטראָגן אין זייער אויטאָ און אין אַ רגע שפּעטער, זענען זיי מיט אים פאַרשוווּנדן.

— טפו זאָל עס ווערן! ס׳זאָל מיר געהערן צום פאַרגאַנגענעם יאָר — האָט דער טראַנספּאָרטער אויסגעשפּיגן — אַזוי זעען אויס די גליקן מיינע אַלס עקספּעדיטאָר — וואָס איר האָט געדראָט ביי מיר אָפּצונעמען — האָט ער צוגעוואָרפן לייבן און מיט כעס און רוגזה אָנגעהויבן איינער אַליין, אַראָפּשליידערן איינעם נאָכן אַנדערן די קאָסטנס, וואָס זענען געפאַלן אין מיטן פון געסל.

— איר וועט זיך שוין די קאָסטנס אַליין אַריינשטעלן אין אייער גאַראַזש — האָט ער ביטער אַרויסגערעדט, מער צו זיך ווי צו לייבן און אָפּגעפאָרן אָן אַ זיי געזונט.

דער עולם איז צוביסלעך פאַרשוווּנדן פון די פענצטער. לייב, די פרוי רחל און אסתרל האָבן געקוקט אויף די צעוואָרפענע קאָסטנס, וואָס האָבן פאַרנומען די גאַנצע כמעט ברייט פון יורדי הסירה־געסל, מאַכנדיק אוממעגלעך אַז אַן אָנקומענדיקער אויטאָ זאָל דאָ קאָנען אַדורכפאָרן.

„וואָס הייבט מען אָן טאָן — האָט לייב געטראַכט — כדי באַפרייען דאָס געסל פון די אָנגעוואָרפענע קאָסטנס?״.

ס׳איז שוין געווען פיר אַ זייגער פון אַ נייעם ליכטיקן פרימאָרגן. באַלד, באַלד, נאָך אַ שעה, וועלן זיך באַווייזן אויטאָמאָבילן. ווען מען געפינט מען וואָס זאָל העלפן אָפּרוימען די קאָסטנס?

ער האָט זיך דערמאָנט אין אַ באַקאַנטן מענטשן, אויך אַן עקספּעדיטאָר, וואָס האָט געוווינט נישט ווייט פון אים. ער האָט געצוווּנגען זיין פרוי זיך צוריק צו לייגן, די פרוי רחל איז געבליבן אין דרויסן ביי די קאָסטנס און ער גופא איז אַוועק צום טראַנספּאָרטער.

ס׳איז שוין געווען נאָענט צו פינף אַ זייגער פון אַ ליכ־טיקן טאָג, אַז לייב האָט נישט מיט קיין לייכט האַרץ אָנ־געקלאַפּט ביי דעם באַקאַנטן מענטשן. געבעטן מוחל זיין דאָס איבערוועקן אים אַזוי פרי און אין קורצע ווערטער, דערציילט דאָס געשעענע און געבעטן טאָן די טובה פון העלפן צונעמען די קאָסטנס וואָס פאַרלייגן דאָס געסל.

— וויפל עס וועט דאַרפן קאָסטן, וועל איך אייך באַצאָלן מיט אַ דאַנק — האָט לייב צוגעגעבן, אָן צו טראַכטן אפילו, ווער עס וועט זיין דער צאָלער — אָבער ראַטעוועט פון דער אויסטערלישער לאַגע.

דער עקספּעדיטאָר, וואָס האָט געקענט און געשאַצט לייבן, האָט צוגעזאָגט צו קומען אין אַ שעה אַרום. דאַן וועט ער שוין האָבן מיט זיך זיין געהילף, ווייל אַזאַ זאַך, ווי ער הערט עס פון לייבן, קאָן ער, פאַרשטייט זיך, נישט אַדורכ־פירן אַליין.

אין דערוואַרטונג אויפן קומען פון די צוויי מענטשן, האָט לייב אַ ביסל לייכטער אָפּגעעטעמט און אויסגענוצט די צייט אויף זיך אַרומצווואַשן און ראַזירן. ער האָט גע־מאַכט טיי און אַלעמען מכבד געווען. ער האָט אויף דאָס ביי נישט גערוט קיין רגע, געטאָן פאַרשידענע שטובאַרבעטן און געווען איבערפולט מיט אַ צופרידנקייט און דאַנקבאַר־קייט אָן צו וויסן צו וועמען, פאַר זיין קאָנען זיך האַלטן אַזוי פיל שעה אויף די פיס און נישט צוזאַמענברעכן זיך.

איניקע מינוט נאָך זעקס איז אָנגעקומען דער עקספּע־

דיטאָר מיט זיין געהילף און נאָכן באַטראַכטן דאָס בילד פון די צעוואָרפענע קאַסטנס, וואָס האָבן פאַרלייגט דאָס געסל אין דער גאַנצער ממש ברייט, האָבן זיי זיך אַ נעם געטאָן צו דער אַרבעט פון אַריינקוילערן די קאַסטנס איז גאַראַזשל און ביים טראַסק פון ערשטן קאַסטן, וועלכן זיי האָבן אויפגעהויבן און איבערגעקערט, האָב איך געגעבן אַ שפּרונג אויף פון מיין געלעגער ביים פענצטער, מיט אַן אויסגעשריי:

— לייב, לייב, דער באַגאַזש איז דאָ, ער איז שוין דאָ!

— דער באַגאַזש איז שוין לאַנג דאָ — האָט לייב, אסתר און אפילו אויך די פרוי רחל צו מיר און פון מיר געלאַכט

— יאָ... ער איז שוין דאָ!

כ׳האָב מיך אַרומגעקוקט. כ׳בין געלעגן אַן אָנגעטאָענער אויפן בעטל אויף וועלכן כ׳האָב ביי נאַכט מיך געהאַט צו־געשפּאַרט. אַ געוואַלדיקע ליכטיקייט האָט איצט פאַרגאָסן די וועלט, אַז כ׳האָב אויף אַ מאָמענט געמוזט צומאַכן די אויגן. כ׳האָב מיך צוגעבויגן צום פענצטער און געזען איי־ניקע גרויסע קאַסטנס ליגן אין מיטן וועג און צוויי מענער קוילערן איינעם אַזאַ קאַסטן.

— וואָס הייסט? וואָס הייסט אַז דער באַגאַזש איז שוין לאַנג דאָ? האָב איך געשטאַמלט. כ׳בין אַראָפּ פון בעט אַן צו פאַרשטיין וואָס דאָ געשעט. — וואָס הייסט אַז דער באַ־גאַזש איז שוין לאַנג דאָ?

— יאָ, מיין ליבער — האָט לייב האַרציק געלאַכט — דער באַגאַזש איז שוין דאָ אייניקע שעה, נאָר איר זענט נישט געווען. איר זענט אַוועק ערגעץ ווו...

— לייבן האָט איר געטריבן שלאָפן. נאָר ער זאָל זיך לייגן... — האָט אסתר זיך אַריינגעמישט, נישט קאָנענדיק זיך אָפּהאַלטן פון לאַכן האַלב אין שפּאַס און האַלב מיט איראָניע — און לסוף האָט איר זיך אַליין געלייגט.

כ׳האָב אָנגעהויבן צו פאַרשטיין דאָס געשעענע, אַז כ׳בין איינגעשלאָפן ליגנדיק אויפן געלעגער אין די קליידער. איך האָב געפילט אַז אַ רויטקייט פאַרגיסט מיין פּנים.

— זאָגט איר אַז כ׳בין די גאַנצע צייט געשלאָפן?

— אַלץ הייסט געשלאָפן — האָט אסתר באַשטעטיקט — ווען איר וואָלט נאָך געוווסט וואָס דאָ האָט זיך אָפּגעטאָן פאַר דער צייט!

ס׳איז מיר שווער געווען צו באַגרייפן, ווי אַזוי, ליגנדיק אויפן בעטל ביים סאַמע פענצטער, וואָס גייט אַרויס אויף דער גאַס, ווו עס האָט זיך אַזוי געטומלט, האָב איך גאָר נישט געהערט.

— ווי אַזוי איז עס מעגלעך אַזוי צו שלאָפן? — האָב איך געפרעגט ביי לייבן און ביי מיר גופא.

— נעמט עס אייך נישט צום האַרצן — האָט מיך לייב באַרואיקט. ער איז שוין איצט געווען פאַרנומען מיט גרייטן פרישטיק פאַר די קינדער, וואָס זענען שוין אַרויס פון די בעטלעך — איר זענט געשלאָפן אַזוי שטאַרק, ווייל איר זענט פשוט געווען שטאַרק מיד. וואַשט אייך, וואָרעם מיר וועלן זיך גלייך זעצן צום פרישטיק.

לייב איז אויף דאָס ניי געווען פאַרנומען, כסדר געאײַלט איבער די צימערן, געהאָלפן אָנטאָן די קינדער, זיי געגעבן צו עסן, זיך פאַרנומען מיט אסתרן און זעענדיק די פרוי רחל זיך גרייטן כדי אַוועק אין אולפּן, זי צוגערעדט צו בלייבן און זיך אָפּרוען נאָך איר שלאָפלאָזער נאַכט.

— לייגט אייך צו אויפן זעלבן בעטל אויף וועלכן ס׳איז געלעגן אונדזער פאַריזער פריינד. איר וועט זיך דערויף גוט אויסשלאָפן... — האָט לייב גוטמוטיק איראָניזירט.
איטלעכער האָט געלאַכט.

ס׳איז געווען האַלב ניין אַ זייגער פרי, אַז כ׳האָב זיך גע־

זעגנט מיט אסתרלען, איר אָנגעזאָגט זי זאָל אויף זיך גוט אַכטונג געבן און כ׳בין אַוועק צוזאַמען מיט לייבן: ער צו זיין באַשעפטיקונג און איך צום אויטאָבוס קיין תל־אביב.

גייענדיק מיט לייבן, איך אַן אויסגערוטער און לייב מיט זיין שוואַך געזונט, נאָך אַ שווערן טאָג און שלאָפלאָזער נאַכט, האָב איך מיך נישט געקאָנט אָפּהאַלטן פון ריידן צו אים:

— לייב, וואָלט נישט געווען ריכטיקער, ווען נאָך דעם וואָס עס איז מיט אייך געשען נעכטן ביי דער אַרבעט און נאָכן האָבן אַדורכגעמאַכט אַזאַ געשפּאַנטע נאַכט, ווען איר וואָלט היינט, כאָטש היינט זיך אָפּגעהאַלטן פון גיין אין ביוראָ? אַ מענטש איז דאָך נישט פון אייזן און איר ווייסט בעסער ווי יעדער איינער, אַז איר טאָרט נישט מיסברויכן מיט אייער געזונט. איז אפשר וואָלט געווען גלייכער און ריכטיקער ווען איר גייט צוריק און בלייבט היינט רוען אין שטוב?

— מיין ליבער — האָט לייב צו מיר גערעדט — איר זענט אפשר גערעכט, אָבער איך בין נישט דער מענטש וואָס זאָל רוען, ווען כ׳ווייס, אַז עס וואַרטן אויף מיר וויכ־טיקע ענינים, וואָס זענען אין די אינטערעסן פון גאַנצן כלל. גלייבט מיר, מיין טייערער, דער באַוווסטזיין, אַז ס׳איז מיר באַשערט געווען צו העלפן די נאַכט אַן עולה, פאַר־לייכטערן דער אָרעמער פרוי איר איינאָרדענען זיך, ווי בכלל פאַרגרינגערן איר מיט עפּעס, בין איך פון דעם ביז גאָר צופרידן און גלייבט מיר, אַז די דאָזיקע צופרידנקייט נעמט פון מיר אַוועק מיין מידקייט. כ׳פיל מיך איצט זייער גוט. זעט, זעט — האָט ער פלוצעם צו מיר אַ זאָג געטאָן — אָט גייען מיר פאַרביי פאַר דער אָפּצוימונג וואָס טיילט פון אונדז אָפּ דאָס אַלטע ירושלים. ווייסט איר וויפל געזונט

עס קאָסט מיך דאָס זען דעם דאָזיקן מצב? וואָס וואָלט איך אַלץ נישט געטאָן, כדי עס זאָל אַ סוף נעמען דערצו! גלייבט מיר, מיין טייערער, אַז כ'בין גרייט צו טאָן די סאַמע שווערסטע אַרבעטן אָן מיך צו שוינען, די סאַמע שווערסטע — האָט ער איבערגעחזרט — און נישט איין יאָר, נאָר אפילו פינף, אפילו צען יאָר צייט, איר הערט? אפילו צען יאָר, אַבי עס זאָל זיך ענדיקן דערמיט, אַז ירושלים זאָל באַפרייט ווערן און אויף דאָס ניי זיין אין אונדזער באַזיץ.

אַ ביסל שפּעטער בין איך געזעסן אין אויטאָבוס וואָס האָט אָנגעהויבן פאַרלאָזן ירושלים, ווידער האָב איך גע־קוקט אויף די אַרומיקע בערג, אויף דאָס ניי געזען דעם ווייטן מעטשעט־טורעם אויפן אַזוי־געראָפענעם קבר פון שמואל הנביא. כ'האָב געטראַכט וועגן לייבן, דעם זעלטע־נעם מענטש און אויך געטראַכט, דאָס אויב די שטאָט ווערט געראָפן עיר הקודש, איז עס אויך אין זכות פון אַזעלכע איינוווינער אירע ווי עס איז לייב.

— — — — — — — — — — — — — —

צען יאָר שפּעטער, אין יאָר 1967, איז פאָרגעקומען די מלחמה פון „זעקס טעג" און ירושלים איז געוואָרן פריי און באַפרייט פון די דראָט־פאַרצוימונגען. די שטאָט האָט זיך אויף דאָס ניי געפונען אין יידישע הענט און אויף דאָס ניי געוואָרן די הויפּט־שטאָט פון ישראל.

און אין יענע טעג ווען די יידישע חיילים האָבן באַפרייט די שטאָט פון די ירדנער, האָב איך נישט געקאָנט מיך אָפּהאַלטן פון טראַכטן אַז ירושלים איז אָן ספק אויך באַ־פרייט געוואָרן אין זכות פון לייבן, דעם טייערן ייד און מענטש.

דעם 30־טן דעצעמבער 1973.

אינהאַלט:

זייט

1) דער טויט פון ישו אין... פוילן 7

2) אַן איבערלעבעניש אין בערלין 25

3) דער צענטער צום מנין 63

4) ל י י ב 99

דערשינען פון זעלבן מחבר:

ווהין פירט אונדז י. ל. פרץ (1930)

נאַפּאָלעאָנס בריוו צו מאַריע לואיזע (1934)

אַלט פּאַריז (1936)

אַ קול אין מדבר — דערציילונגען — (1936)

פרויען — דערציילונגען און איינאַקטערס — (1938)

דער טויט פון ישו אין... פוילן (1945)

בריוו פון לעקטור — פיר יאָר נאַצי־הערשאַפט אין
פראַנקרייך — (1947)

אַלט פּאַריז — פאַרגרעסערטע אויסגאַבע — (1948)

אַ גאַסט פון יענער וועלט (1955)

ראַשעל — איר קונסט, איר לעבן,
איר יידישקייט — (1958)

פּאַריזער היסטאָרישע קוריאָזן (1965)

יידן אין פּאַריז (1970)

Imprimerie « E.P. », 232, rue de Charenton, Paris-12e